№ 39 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. אבענט־אויסגאבע. פרייז 20 גראשן CZĘSTOCHOWER CAJTUNG

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

אַנאָנסען־פּרייז: פאר א מילימעטער שורה, פאר׳ן טעקסט 40 גראשן נאָכ׳ן טעקסט 25 גראשן
אין טעקסט 80 גראשן.
די ערשטע און לעצטע זייט האלב 8 אנאָנסען שפאלטען.
פאר׳ן אינהאלט פון די אנאָנסען איז די רעד. נישט פעראנטווארטליך.

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. טעלעפאן 201.

אבאָנאמענטס־פרייז
א נומער 20 גראשן.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Częstochówa, Aleja 6. telefon 201.

Piątek dn'a 27 września 1929 | ליכט־צינדען 5.09 | פרייטאג, פ׳ נצבים ויִלך כ״ב אלול תרפ״ט

דער קומענדער

ערב־ראש־השנה־נומער

וועט אנטהאלטען 8 זייטען

אין א פיעל גרעסערע אויפלאגע, מיט זעהר אינטערעסאנט מאטעריאל.
אנאָנסען און לשנה טובה וואונשען ווערען אנגענומען אין אדמיניסטר.
שפעטסטענ׳ס ביז דאנערשטאג 10 א זייגער פריה.

בברכת מזל־טוב אנו מברכים את חברינו מר פנחס באראַוויעצקי
לנשיאיו את העלמה מרת אסתר האַכערמאַן פלוהו.
יחי עתידם מאושר.
יצחק לפידות, אברהם שטינהרט.

צו דער חתונה פון מיין חבר פנחס באראַוויעצקי מיט פרל.
אסתר יאכעט האַכערמאַן, (לאָדז) ווינש א גליקליכע צוקונפט און
א ליבליכען וועג אויף אייער גייעם לעבען.
יעקב לעווקאָוויטש.

א הארציגען מזל־טוב צו דער חתונה פון ה׳ אהרן אפטע
מיט פרל. רוזשקע גרינבוים
ווינשט משה דוד פעיסאק.
סעפטעמבער 1929.

Z intencji zaręczyn przyjaciół naszych NACI GELBERÓWNY z DADKIEM FRYDMANEM życzymy aby gwiazda szczęścia była nieodstępną towarzyszką ich życia. Estera, Jadzia i Gucia.

ערקלערונג.

אין צוזאמענהאנג מיט די רכילות׳ן פון א חברה אומפעראנטווארטליכע יונגלעך, אז די געזאמעלטע געלדער פאר די געליטענע אין א״י זענען נישט אוועקגעשיקט געווארען אין געהעריגען ארט — ערקלערען מיר צום צווייטען מאל, דאס די צוגויפגעזאמעלטע סומען זענען איבערגעוויזען געווארען דעם אומפארטייאישען צענטראלען הילפס־קאמיטעט ביי דער יוד. קהלה אין ווארשא, אויפ׳ן סמך פון אן׳איינשטימיגער רעזאלוציע, וועלכע איז אנגענומען געווארען אויף א פלענאר זיצונג פון הילפס־קאמיטעט מיט דער הסכמה פונ׳ם אנוועזענדען אגודה פארשטעהער.

מיט דער ערקלערונג האלטען מיר דעם ענין פאר גענוג בעלויכטען, און מיר וועלען מעהר קיין תשובה אויף עווענטועלע ווייטערדיגע בייזוויליגע רכילות פון די דאָזיגע אגודה־יונגלעך נישט געבען.

מיר גלויבען, אז די גאנצע היגע יוד. בעפעלקערונג וועט מיט פער־אכטונג און עקעל אבווארפען די „ידיעות“ פון בוראים, וועלכע זענען אויסגען אריינצופרענגען פרוד צווישען דער יוד. בעפעלקערונג, און צושטערען אזוי ארום דעם ערפאלג פון דער אקציע וואס איז פאר יעדען יוד דער נעבאָט פון דער איצטיגער שעה.

הילפס־קאמיטעט פאר די געליטענע
אין ארץ־ישראל
ביי דער יודישער קהלה אין טשענסטאכאָוו.

עס גהעט צו ווינטער!

יעדעס קינד מוז האבען א פאר שיכלעך
און דאס קען מען נאר בעקומען אין
מעכאנישע שיסטער „אבוויע“ סאָפּטוריאטיוו
נייער מארק 2 צווייטער הויף.
די בעהאנדלונג איז א רעעלע און א גאראנטירטע.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.

די גבאים פון דער חברה „סומך נופלים“ מאכען בעקאנט, דאס הייאהר וועט נעדאַווענט ווערען די ימים נוראים מיט די בעסטע בעלי־תפלות
ערשטע אלעע 14 (הויז ה׳ פראנקע).
בילעטען פאר מענער און פרויען שוין צו בעקומען ביי ה׳ שרער נייער מארק 13.

לעזט אויפמערקזאם!

דערמיט מאכען מיר בעקאנט די געעהרטע קונדשאפט, דאס אונזער ניי־געעפענט

פוטער־געשעפט

א. ד. פ. „פ״ה און זשעלינסקי“
טשענסטאכאָוו, אלעע 8, פראנט, ערשטער שטאק
איז פערזעהען צום קומענדען סעזאן מיט א גרויסען אויסוואהל פון אלערליי פוטער־סחורות, אין פערשידענע פעל, בלאטען, פוטער־קראגענס, אויך פערטיגע מענער־פעלצען, דאמען־פאלטענס, פוטער־היטלען.
בילינגע פרייזען. רעעלע בעהאנדלונג.

Kuśnierka potrzebna od zaraz
do pracowni futer
S. A. Birenbaum. Aleja 3.

מעלדונג.

שבת דעם 28 ד. ח. פונקטליך 8-30 אווענד קומט פאר אין לאקאל פון אגודת הציונים פילסודסקי 13

א אינטימער חברים פערזאמלונג

פון החלוץ אין טשענסטאכאָוו.
גלייכצייטיג ווערען אויפגעפאדערט אלע מיטגלידער און סימפאטיקער פון החלוץ אין טשענסטאכאָוו אנטייל צו נעמען אין בלימעל־טאג וועלכע קומט פאר דינסטאג דעם 1־טען אקטאבער ד. י.
די פערוואלטונג.

מעבעל

שלאף־צימערן, עס־צימערן, קיך־מעבעל, אויך איינצעלנע מעבלען ווערען אויסגעפערטיגט, רעעל, צו מעסיגע פרייזען און אויף גוטע בעדינגונגען אין טישלער־ווערקשטאט
פון ל. גאלדבערג, קאשטשושקי 17

אויפפאָדערונג.

איך פאדער אויף די ה״ה אלקע רייך און לייזער זאוואצקי (קשעפיץ) אבצושטעלען לנבי מיר די נישט עהרליכע קאנקורענץ. אין געגענפאל וועלען זיי זיין פעראנטווארטליך פאר די קאנסעקווענצען
ה. ווייספעלנער קשעפיץ

דאנקזאגונג.

מיין הארציגסטען דאנק דעם ג׳ ד״ר רוזשעוויטש (ראדאמסק ריימאנטא גאס 15) פאר זיין גוטען גאלדיגע הילף מיין פרוי, וועלכע איז קראנק געווארען אין קאמינסק און גאר א דאנק זיין שנעלע הילף איז מיין פרוי ניצול געווארען פון א גרויס אומגליק.
זאל ער האבען הצלחה און זיין ווייטערדיגע ארבייט.
מ. פייגענבלאט, טשענסטאכאָוו

PODZIĘKOWANIE.

WP. D-r RUZIEWICZOWI (Radomsko, ul.Reymonta 15) za natychmiastową pomoc. okazaną mej żonie podczas zachorowania w Kamińsku, tą drogą wyrażam najserdeczniejsze podziękowanie z życzeniami pomyślności w dalszej pracy.

M. Fajgenblat, Częstochowa.

א וואוינונג פון 2 שטובען און א קוך

אין דער ערשטער אלעע
שוין צו פעדרינגען אדער פערטוישען
ערקונדיגען זיך אין רעדאקציע אלעע 6.

ענטשולדיגונג.

איך ענטשולדיג זיך פאר דער פערוואלטונג פון פראפ. פעראיין פון דערנעהרונגס־אינדוסטריע־ארבייטער און פאר׳ן פעראיינס־סעקרעטער ה׳ ברום פאר מיינע נישט־פאסיגע אויסדרוקען. איך פערזיכער אז איך וועל אזעלכעס מעהר נישט טהון.
יונה שמורעקוויטש

א פריילין

אין עלטער פון 18—20 יאהר
אויף פראקטיק איז א פאבריק
ווערט געזוכט
ערפאהרען: פיאטראָווסקא גאס 3/5 ביי מאנהיימ.

הננו לוקחים חבל בצערם של מחותננו
מ׳ יוסף יהודה טשאַרנאַכא ומשפחתו
מסוסנוביץ על מות אחותם
חיה שרה
סקופיצקא ז״ל
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
ישראל פלוצקר ורעיתו.

הנני מביע את השתתפותי החמה בצערם
הגדול של חמי, זקני ומשפחת
טשאַרנאָכע על מות עליהם במבחר
שנותיה, אחותו ובתם
חיה שרה סקופיצקא נ״ע
בתוך שאר אבלי ציון ינוחמו.
אלעזר פלוצקער.

יצחק הערשבערג — ווילון
ביילא לעווקאָוויטש — טשענסטאכאָוו
באו בברית הנשואים.
כ׳ אלול תרפ״ט.

לנשואיו של חברנו וידידנו מר יצחק הערשבערג
עם העלמה ביילא לעווקאָוויטש מטשענסטוחוב
הננו מברכים בברכת מז״ט חמה ולבבית.
תהי׳ דרכהם בחיים צלחה.

יעקב שאיא ורעיתו
משה קורלנד ורעיתו
יוסף שאיא ורעיתו
זליג צינצינאטוס ורעיתו
ליבוש קרזיפיצקי ורעיתו
יחיאל מאיר יאקובוביץ ורעיתו
שמואל עהרליך ורעיתו
חיים בורנשטיין ורעיתו
פייוויש סקרזינא ורעיתו
יודל שאיא ורעיתו
מיכאל רינג ורעיתו
מאקס שורק.

ווילון כ׳ אב תרפ״ט.

את חברנו הנכבד יצחק הערשבערג לנשיאו את בחירתו
העלמה ביילא לעווקאָוויטש מטשנסטוחוב
הננו מאחלים לו רוב אושר והצלחה.
תזכו לבנות את ביתכם לתפארת על הרי ציון וירושלים.
הועד של ההסתדרות הציונית בוילון

חיים באַרנשטיין ואשתו
מברכים את חבריהם יצחק הירשברג לנשואיו,
ואת ליבוש וליבצי׳ה קרזיפיצקי להולדת להם בת
בברכה חמה.

אונזערע געעהרטע פריינד
ליבטשא און ליבוש קרזעפיצקי
צום געבורט פון זייער טעכטערל ווינשען מיר א הערצליכען מז״ט.
מעג דאס ניי־געבוירענע אייער פאמיליען־גליק פיעלפאך פערגרעסערן.

יעקב שאיא און פרוי
שמואל עהרליך און פרוי
יודל שאיא און פרוי
פייוויש סקרזיניא און פרוי
יוסף שאיא און פרוי
מענדיל בעער און פרוי
ברוך מאיר גאלדמאן און פרוי
זעליג צינצינאטוס און פרוי
משה קוניארסקי און פרוי
שמואל שאיא און פרוי
צבי שאיא.

פאר גאלאנטעריע־סוחרים

פון טשענסטאכאָוו און אומגעגענד!
מיר מאכען בעקאנט, אז אונזער
ניי־געעפענטע מעכאנישע שטרומפּ־פאבריק
איז פערזעהען מיט מאשינען פון לעצטער קאנסטרוקציע. א דאנק דעם, ווי אויך צוליעב דעם וואס מיר בענוצען די בעסטע רויה־שטאפען און אונזער פאבריק געפונט זיך אונטער דער לייטונג פון א לאנג־יעהריגען און ערפאהרענעם פאכמאן — האבען מיר די מעגליכקייט פרודוצירען צו מעסיגע פרייזען די בעסטע און שעהנסטע סארטען שטרימפ, וועלכע וועלען די קונדשאפט זיכער צופרידענשטעלען.
מיט אכטונג
Mech. Wytwórnia Pończoch „Aurora“
III Aleja 62, telefon 7-14.

די יודישע קהלה און דער רעמאנט קאמיטעט פון דער שטאָרט־שוהל

זענען מודיע אלע מתפללים, וועלכע האבען מענער אדער פרויען־שטעדט אין דער שוהל אז זיי מוזען אומבעדינג קומען אין שוהל (טעג־ליך פון 3 ביז 6 נאכמיטאג) כדי אפצונעמען זייערע בילעטען און צוצאָה־לען די געהעריגע סומע.
די וואס וועלען פריהער נישט ערלעדיגען און נישט ארויסנעמען קיין בילעטען וועלען זייערע שטעדט פערדינגען ווערען אנדערע.
אהן איינטריטס־קארטען וועט קיינער נישט ארייגעלאזט ווערען.
בעמערקונג: די אלע, וועלכע „דינגען“ שטעדט אדער קויפען בילעטען ביי די שמשים זאלען וויסען אז דאס איז נישט גילטיג.

Spółdzielczy Bank Kupiecki

sp. z ogr. odp.

w Częstochowie, ul. Strażacka № 10

האט אנגעהויבען איהר טעטיגקייט און ערלעדיגט פונקטליך, רעעל און שנעל אלערליי באנק־אפעראציעס, ווי:
אינקאסע, דיסקאנטע, נעמט אן וועקסלען, אבשפארונגען א. ז. וו.
די באנק איז אפען טעגליך פון 9—1 פריה און האלב 3 ביז 4 נאכמ.
אויסער שבת און יום־טוב.

נאך וועגען דער אקציע פאר א"י.

מיר האבען שוין אנגעוויזען, אז עס איז א גרויסער פעהלער בעגאנגען גע-ווארען מיט דעם, וואס דער קאמיטעט האט איינגעארדנעט די זאמלונג באופן אז יעדער מנדב זאל אליין ברענגען זיין נדבה, נישט מען זאל צו איהם געהן, אזוי ווי ס'איז לגמרי אין אלע שטעדט.

איצט האט מען זיך בעזינען, דער קאמיטעט האט געזעהען אז נישט איצט אין צום היציגען מאמענט איז גראד די צייט פון „ערציהען די מאסען" און זיי לערנען, אז זיי זאלען היימען אליין צו ערפולען זייערע פליכטען, און איצט ווען כמעט אין אלע קהלות ווערט די הילפס-אקציע שוין ליקווידירט, איצט זאל זי זיך ביי אונז ערשט אנהויבען. איצט ווערט זי ערשט איבערגעשטעלט אויף דעם ריכטיגען אופן, אזוי ווי עס האט געדארפט זיין בעלד און ערשטען טאג.

און דעם אויפרוף וואס דער הילפס-קאמיטעט האט ארויסגעלאזט צו דער היגער יודישער בעפעלקערונג ווערט געזאגט, אז, צום בעדויערן, טראץ די דרינגליכע ווענדונגען האט זיך ביז איצט בלויז א קליינער טייל פון די היגע יודען בעטייליגט אין דער הילפס-אקציע". מיר גלויבען אבער אז דאס איז נישט די שולד פון די נותנים, ווייל די טשענסטאכאווער יודען האבען זיך קיינמאל נישט אבגעזאגט און וועלען זיך געוויס נישט אבזאגען איצט אין אזא וויכטיגען היסטארישען מאמענט פון שטיצען אין דער רעטונג פון אונזערע ברידער-בויער, און איצט ווען מען נעמט זיי די געלעגענהייט דורכדעם וואס יעדער נותן ווערט בעזוכט ווערען און דערמאנט, ווערט דאס יודישע טשענסטאכאוו בעשולדיגט, אז זי האט נישט אבגעשאצט די וויכטיגקייט פון דער גרויסער פאלקס-אקציע וועלכע ווערט אדורכגעפיהרט צוגונסטען אלע יודען פון גאר דער וועלט.

רעדענדיג וועגען דער אקציע מוז מען אויך דערמאנען דאס וואס עס האט אונז ערקלערט ה' גדל פראשאג, א געוועזענער היגער איינוואוינער, וועלכער וואוינט עטליכע יאהר אין ארץ-ישראל און קומענדיג אויף א קורצער צייט קיין פוילען צו בעזוכען זיינע קרובים האט ער אונז איבערגעשטעלט א בריוו פון דעם קאמיטעט פאר די טשענסטאכאווער אין א"י „התאחדות אגודת אחים מטשנסטחוב בארץ-ישראל", אין וועלכען דער קאמיטעט שרייבט אז ה' פראשאג, וועלכער איז אויך א מיטגליד פון קאמיטעט, ווערט בעפולמעכטיגט צו רעדען אין זייער נאמען און אונטערהאנדלען מיט די היגע אינסטיטוציעס וועגען אונטערשטיצונג פאר די טשענסטאכאווער אין א"י, וועלכע לעבען אין נויט און וועלכע זענען צוליעב די לעצטע טרויעריגע געשעהענישען געמאכט נויט-בעדערפטיגער געווארען.

מיר האבען שוין פיעל מאל אנגעוויזען אויף דער גרויסער אומבאקוועמקייט פון שטיצען די היגע יודען וואס זענען טרעק קיין א"י, כדי מיטצוהעלפען דעם אויפבוי פון לאנד, וועלכע געפינען זיך אין א שלעכטער לאגע, און מיט א קליינער הלוואה קען מען זיי דערמיט דערהאלטען. דאס איז אהן ספק דער עלעמענטארסטער חוב פון די היגע יודען, און ה' פראשאג ערקלערט אונז אז ער האט זיך געהאנדעלט צו די וואס שטעהען אין דער שפיץ פון דער זאמעל-אקציע אז א געוויסע סומע פון דעם געזאמעלטען געלד זאל איבערגעגעבען ווערען דעם טשענסטאכאווער קאמיטעט אין ארץ-ישראל, און די אנפיהרער פון דער אקציע האבען איהם צוגעזאגט דאס צו ערלעדיגען.

מיר האלטען אז אויב די לייטער פון דער אקציע ווילען דאס ווירקליך אזוי טהון, אז א געוויסער טייל פון די געזאמעלטע געלדער זאל געהן דירעקט פאר נעה. טשענסטאכאווער איינוואוינער, וועט דאס מאכען א זעהר גוטע ווירקונג אויף די מנדבים, און יעדער וועט זיין נדבה פערגרעסערן ווייסענדיג אז מיט זיין נתינה איז נישט בלויז וואס ער בעטייליגט זיך אין דער אלגעמיינער וועלט-אקציע פון גאנצען יודישען פאלק, נאר ער שטיצט אויך גלייכצייטיג זיינע היגע ברידער אין ארץ-ישראל וועלכע בענעטיגען זיך אין הילף.

מיר קענען אויך נישט איבערגעהן בשתיקה איבער דעם שרעקליך פרוווירענדען און וועהמוטיגליכען פאקט וועלכער בעטרעפט אונז צום טויזענדסטען מאל צו וואספארער שרעקליכער הוצאת און הפקרות אונזער פארטייאישע צושלימערקייט האט דערפיהרט.

מיר מיינען דאס, דעם אונערהערטען פאסקוויל וואס איז די טאג ארויסגעלאזט געווארען אונטערשריבען דורך די היגע „צעירי אמוני ישראל" אין וועלכען ס'ווערט אויף א מיאוסען גראבען אופן אנגעפאלען אויפ'ן היגען הילפס-קאמיטעט, וועלכער האט די ערשטע 10 טויז. זלאטעס אוועקגעשיקט, אזוי ווי אלע יודישע קהלות אין פוילען, צום צענטראלען אונפארטייאישען הילפס-קאמיטעט ביי דער יודישער קהלה אין ווארשא, וואס עס איז געמאכט געווארען דורך א איינשטימיגער רעזאלוציע אויף א פלענאר זיצונג פון גאנצען קאמיטעט צוזאמען מיט די אגודה'שע קאמיטעט-מיטגלידער.

דאבא דערלויבט מען זיך אויף א אונערהערטען אופן אנצופאלען אויף די ציוניסטישע פאלקס-פאנדען, גראד אין דעם איצטיגען ערנסטען מאמענט פון גאנצען יודישען פאלק, און מיט דער גרעסטער ציניק און דעמאגאגיע וויל מען צושטערען די אקציע פון שטיצען אונזערע געפאלענע קדושים אין ארץ ישראל, און העלפען אויפבויען דעם חרוב געווארענעם ישוב.

עס פעהלען פשוט ווערטער אויסצודריקען דעם גרויסען וועהטאג, דעם צארן, און די אויפרעגונג וואס עס פיהלט זיך ווען מיר זעהען אין וואספארע שרעקליכען מצב, און וואספארע תהום פון ענגער פארטיי-פאליטיק מען וויל ארייננפיהרען דעם פראסטען יוד, אבער עס איז נישט קיין ספק אז שום קיין ערנסטער מענש וועט נישט לענען קיין טאפ אויף וועלכע שענדליכע ארויספערטראגונגען וועלכע קענען נאר האבען די פערקעהרטע ווירקונג צו ווייזען און אויפעפענען די אויגען פון דער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע זאל זעהן וואס מען איז מיט דעם אויסען.

און דער ענטפער וועט זיין די מאסען-בעטייליגונג אין דער הילפס-אקציע פאר אונזערע געליטענע ברודער אין היילגען לאנד.

י. פ.

מנחם ליפשיץ.

דער בונדיסטישער „נצחון"...

די לעצטע געשעהענישען אין ארץ-ישראל האבען נייע בעוויזען ווי אונזער פאלק איז, ווי עס רעאגירט אויף געשעהענישען וואס בעדראהען זיין קיום און ווי וואס עס שמערצט. עס איז פאר אלע קלאר געווארען, וועלכע כחות עס לעבען און ווירקען אין פאלק. עס איז פאר אלע אויך קלאר געווארען, אז די גרופען ביי אונז, וועלכע האבען נישט קיין אויסגעשפראכען נאציאנאל ארץ-ישראל פראגראם, האבען געמוזט האנדלען נישט לויט זייערע אנשויאונגען, ענטוועדער זיי האבען זיך געמוזט פערמאסקירען אדער גאר שווייגען.

א אויסנאהם איז מיט דעם „בונד". די סאציאליסטישע פארטיי וועלכע פרעדיגט שוין כמעט 30 יאהר די סאציאל-רעוואלוציע" און וואס ציטערט אימת המות פאר יעדען ברוב פון א סאציאל-רעוואלוציע, האט נישט פערשטאנען אז פאר איהר נעבעכרונגער עקזיסטענץ איז זעהר געוואונשען, אז זי זאל איצט פון זיך לחלוטין נישט לאזען הערען. זי איז אבער ארויס מיט לשון, רעלגענירונג, אז ביי דעם פייער וואס ברענט אין ארץ-ישראל וועט זי אויך קאנען איהר טעפיל קאכען. וואס האט זי איינגעשטעלט: עס איז דאך נישט קיין מאי-דעמאנסטראציע אויף דעם ווארשאווער טעאטער-פלאץ. די חברים זענען דאך נישט אנבעראל אויפגעשטעלט אויף קיין געפאהר און דערצו קאן מען נאך ביי דער „אינטערנאציאנאלער אקציע", אין וועלכער עס בעטייליגען זיך מאסקווא און די מינער האקענקרייצלער לטובת די „אונטערדריקטע אראבער", וועלכע ווערט אנגעפיהרט דורך דעם „פראלעטארישען מופטי" נישט צולעגען: „טעראלוס" און מאטעריעל. די בונדישע פאפולאריטעט וועט זיך שטארקען; די פארטיי וועט געווינען פון דעם וואס איהרע חברים וועלען נישט דארפען זיצען פוסט און פאס אין ווארשא און אויף דער פראווינץ און וועלען מיינען אז זיי טהוען עפּיס. זייערע נאמטראלען אויף דער פראווינץ וועלען פארקומען פאר „פולע הייזער"; ווער וועט נישט קומען אויף די בונדישע מיטינגען אנקוקען די „בונדישע גבורים" און אויך צאהלען פאר א בילעט? אפשר וועלען ציוניסטען אויך נאך קומען. עפּיס פון די אויספאנטאזירטע בונדישע ספעקולאציעס וועגען ארץ-ישראל.

פיהלען זיי אבער אז דאס מאל וועגען זיי מיאוס פארגעפאלען. זיי קענען נישט בכלל רעדען מיט אזא פאלק. נאר שפראך ווי די חברים זייערע „געוועזענע בונדיסטען" ווי: מערקעשין, ראפעס, „באדערטע עסטער" און ווי זיי הייסען דארט, וואס זענען אויף א זיכערער מלוכה-גאזשע ביי די סאוויעטען און זיי, אונזערע בונדיסטען, מוזען נעבעך אויסקוקען אויף נדבות פון אונזער פערהאסטער קלאסען בורזשואזיע אין אייראפא און דערצו נאך אויך אויף אמעריקא, וואו וואגער קאמוניסטען אנטלויפען פון א קאמוניסטישער צייטונג, נאר צוליב דעם איינעם און איינציגען מאל, וואס די צייטונג האט יא גערעדט עפּעס „פוגרומישע" דבורים וועגען די געשעהענישען אין ארץ-ישראל.

און אויך אויף דעם אונקלארען, נישט רעדענדען לשון, וואס דער זין איז טאקי דער זעלבער וואס פון דער יעווסעקציע, ווענען די יודען מבינים און הויבען זיך אן אנגעבען א דין וחשבון מיט וועמען זיי האבען צו טהון. זיי וואלטען זיך שוין געוואלט צוריקציהען פון דעם שלעכטען געשעפט, פונקט ווי דעמאלט, ווען זיי האבען ארויסגעגעבען זייער שבת-נאכמיטאג-צייטונג, וואס דער איינציגער געשאאווירענער לעזער איז געווען דער קארעקטאר. נאר זיי האבען זי נעבעך געמוזט ארויסגעבען צוליעב א פרעסטיזש-פראגע, כדי נישט נאכצוגעבען די „היינט" - לייט. און טאקי דעם זעלבען טאג, ווען עס איז מיאוס געווארען די זשורנאליסטען פון „היינט" צו שרייבען וועגען דער בונדישער שבת-צייטונג, איז די צייטונג פערשוואונדען.

איצט איז אבער די לאגע אנדערש: זיי האבען אנגעריהרט די הייליגסטע יודישע שטרונע — יודען הויבען אן רעאגירען.

זיי פיהלען די געפאהר, וואס שוועבט איבער זייער קאפ. און אין דער „פאלקס צייטונג" בעווייזען זיך היסטערישע ארטיקלען וועגען די, וואס טראכטען אויף זיי געבען אויס שקר-בלבולים, אז זיי רייסען אב די יודישע קינדער פון יודישען פאלק דורך זייערע שולען — אגב: זייערע אייגענע קינדער שיקען זיי נישט אין זייערע שולען.

עס איז פאר יעדען קלאר, אז אין זכות פון תנוקות של בית רבן, ד. ה. א דאנק די בונדישע שולען — כלפי חוץ: יודישע שולען — האלטען זיי אויס זייער פארטיי-אפאראט.

ווערט אבער פאר יעדען קלאר דער סבות פון אט די דאזיגע „שולען" — שטעלט זיך אין א סכנה די גאנצע בונדישע עקזיסטענץ! עס איז ביי זיי קלאר ווי דער טאג, אז אט, אט נאך אזא „נצחון" — און זיי וועלען פולשטענדיג פערטיג...

STARSZY FELCZER
S. MITTLER
Piłsudskiego 5.
telefon 8-04.

---

5) די יודישע העלדין.

אינטערעסאנטע היסטארישע ערצעהלונג פון יודישען לעבען אין פוילען אין 17-טען יאהרהונדערט.

פריי איבערזעצט דורך: י. געלזאהן

(פארטזעצונג)

אברהם איז געזעסען ביי זיך אין צימער איבער אליין. ער איז געווען זעהר פערטראכט, זיין פנים איז געווען טריב, און ער האט אויסגעזעהען פיעל עלטער, צוליעב דער גרויסער לאסט וואס איז אויף איהם געלעגען.

ער האט זיך אבגעגעבען א חשבון פון דער ערנסטער לאגע און וועלכער דאס פעסטונג געפונט זיך, די שפייז-ארטיקלען וואס ער האט אנגעקליבען אויף לאנגע צייט ווערען פון יעדען טאג וועניגער. קיין נייער פראוויאנט קומט נישט צו, און וואס וועט זיין ווייטער, ווען דאס עסענזארג וועט זיך אינגאנצען אויסלאזען אין ס'וועט אויסקומען צו שטארבען פון הונגער, אדער זיך אונטערצוגעבען דעם מערדערישען שונא.

דאס לעצטע האט איהם נאך מעהר ווי אלעס געשראקען, שטארבען פון הונגער איז איהם שוין לאנגער פערגעקומען ווי דאס מפקיר זיין זיך פאר'ן שונא, ווייל ער האט געוואוסט אז דאן ווערט די לאגע פון די יודען זיין צום ערגסטען, די טערקען וויסען אז די יודען לאזען זעהר פיעל פאר'ן פוילישען מיליטער, און די ערשטע נקמה וועלען זיי נעמען אין די יודען... און איך אליין... און מיין שעהנע יהודית... פוי! א שוידער האט דורכגעלאפען אלע זיינע גלידער ווען דאס איז איהם געקומען אויפ'ן געדאנק.

א קלאפ אין טיער האט איהם אויפגעוועקט פון זיינע טרויעריגע געדאנקען, און בעלד איז אריין זיין פרוי יהודית.

איך שטער דיר אברהם? — האט זי שטעהענדיג ביי דער טיהר געפרעגט.

אה ניין, מיין טייערע, — האט אברהם געענטפערט טרויעריג — קום זעץ זיך אנידער, איך בין שוין פריי, די בעראטונג האט זיך שוין פערענדיגט.

יא, די בעראטונג האט זיך געענדיגט, אבער איך האב איינגעלאפען טאקי געוואלט קומען אויף דער בעראטונג און אויך זאגען מיין מיינונג.

דו, מיין פרוי האסט זיך געוואלט מישען אין די הויכע פאליטישע זאכען? זינט ווען פערנעמסטו זיך דאס מיט פאליטיק? האט אברהם האלב ערנסט און האלב שפאס געזאגט.

איך האב זיך ערשט געוואלט אנהויבען מישען אין פאליטיק, ווייל איך האלט אז מיר פרויען זענען אויך מענשען אזוי ווי איהר מענער, און מיר האבען אויך דאס רעכט צו וויסען וואס עס טהוט זיך, און וואס עס קומט פאר.

געווים האט איהר דאס רעכט, ווייל אייער לעבען איז אזוי ווי דאס לעבען פון די מענער אויך בעדראהט צוליב דער מלחמה געפאהר, אבער איהר קענט איך פולשטענדיג אויף מיר פערלאזען, ווארום אויב מיר פערבאטען און קלערען וואס צו טהון איז דאס נישט פאר אונז, נאר טאקי פאר אייך און אונזערע פרויען און קינדער.

אבער פארוואס זאלען מיר זיצען מיט פערלעגטע הענד, אין דער צייט ווען איהר שטעלט אייך איין דעם לעבען, פארוואס זאלען מיר פרויען נישט קעמפען צוזאמען מיט אייך געגען אונזער געמיינזאמען שונא? — האט יהודית שוין מיט א פעסטערע שטימע געזאגט — אויב צום אבהאלטען בעראטונגען זענען מיר אפשר נישט אזוי פעהיג ווי איהר, מיר זענען נישט פאליטיש רייף און מיר בעזיצען נישט דעם פעסטען פערשטאנד צו זאגען א דעה און זיך מישען אין פאליטיק, אבער האלטען א שווערד אדער א ביקס קענען מיר אזוי גוט ווי איהר, איך ווייס נישט ווי אנדערע פרויען פון אונזער שטאדט וואלטען דאס געקענט, אבער איך פיהל אז איך וואלט אויפ'ן שלאכטפעלד געקענט פיעל נוצען ברענגען און מיין געוויסען לאזט מיך נישט רוהען אז איך זאל אין אזא ערנסטער צייט זיצען אין שטוב.

אברהם האט אויסגעשטעלט א פאר גרויסע אויגען אויף זיין פרוי, וועלכע איז צוהיצענדיג זיך בעת'ן רעדען פיעל שענער געווארען, איהר פנים איז רויט געווען, איהרע אויגען האבען געגלאנצט און די האר זענען איהר צופאלען אויף די אקסלען, און ער האט זיינע אויגען נישט געקענט אבקערען פון איהר.

וואס קוקסט דו מיך אזוי אן, אברהם? — האט יהודית צו איהם געזאגט.

אברהם האט זיך אבגעריסען פון איהר און געזאגט:

ווייל איך פערשטעה דיך היינט נישט, עפעס רעדסטו צו מיר אזעלכע זאכען, וואס איך האב פון דיר קיינמאל נישט געהערט און איך מיין, אז דאס מאכסטו פון מיר שפאס.

וואס? אין אזא צייט, אין אזא ערנסטען מאמענט, ווען איך זעה ווי די נעהסטע שטרום אהן קאפ, ווען פון טאג צו טאג ווערט די מאגערער און וועהסט אויס הונגער, וועל איך מיר דערלויבען צו מאכען שפאס?

איך קען דיינע פראהרדיגע ווערטער נישט פערשטעהן.

וואס הייסט דו קענסט נישט פערשטעהן? איך רעד דאך זיך צו דיר גענוג קלאר און דייטליך.

דו רעדסט נארישקייטען מיין טייערע — האט אברהם זעהר מילד מיט א שמייכעל אויף די ליפען געזאגט — דו קענסט זיך אויף מיר פערלאזען, איבערהויפט אויף דעם גאנצען קריגס-ראט. מיר טראכטען וועגען אלץ און מיר וועלען אלץ בעשיצען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט.

ניין, מיין מאן, מיר מוזען זיך אליין בעשיצען, מיין לעבען איז אפשר נאך מעהר אין געפאהר ווי דאס לעבען פון די מענער, איך בין א שעהנע פרוי און ווען איך זאל חלילה אריינפאלען צום שונא, וואס וועט פון מיר ווערען?

אברהם האט ביי די ווערטער אויפגעציטערט, ער האט נאך געפרובט צו רעדען מיט זיין פרוי און זי אבהאלטען פון איהר פלאן, אבער יהודית האט זיך פעסט ביי דאס איהריגע געהאלטען, אז זי מוז זיך מיטשטעלען צוזאמען מיט די קעמפער צו פערטיידיגען די שטאדט און דאס פעסטונג און אברהם האט געמוזט נאכגעבען און ער האט צו איהר געזאגט:

פון ווען אן הילפסטו דאס איינטרעטען אין מיליטער?

שוין איצט, די היינטיגע נאכט האב איך געהערט וועט זיין א גאנץ שטרענגע, דער שונא גרייט זיך אין דער נאכט צו א גרויסען און העפטיגען אנגריף. וועל איך שוין די נאכט שטעהן צווישען די קעמפער, און אויב איך וועל נישט באלד קענען שיסען וועל איך מיטהעלפען מיט וואס איך וועל קענען.

אברהם האט נאך געפרובט ביי איהר צו ווירקען אז זי זאל איהר בעשלוס אבלייגען אויף עטליכע טעג, אבער זי האט זיך פעסט געהאלטען, אז אזוי ווי אברהם גיהט איצט צום פעסטונג וועט זי מיט איהם מיטגעהן.

אברהם האט געמוזט איינשטימען און יהודית האט איהם געקושט און געזאגט: ווארט אויף מיר א ווייל, איך געה זיך צוגרייטען צום וועג.

יהודית איז אוועק און אברהם האט דערווייל זיך איבערגעטהון אין זיינע קריגס-קליידער און געווארט אויף דאס געהער.

בעלד איז אין צימער אריינגעקומען יהודית, זי האט זיך אנגעטאהן איהר שענסטען מאנטעל, אין וועלכען זי איז געווען אויסערגעוועהנליך שעהן. האט זי פון איהר מאן גענומען דאס קעסטליכע פיסטויל וואס איז איהם געווען נויטיג פאר זיין בוקס, און ביידע, מאן און פרוי, זענען אין מיטען דער נאכט אוועק צום פעסטונג.

(פערטז. קומט)

דר. ח. ז. הירשבערג

יודישע ערציהונגס פראגען.

א.

איינע פון די ברענענדסטע פראגען אין יודישען לעבען דאס פון איהר גליקליכער לעזונג הענגט אב אונזער גאנצער קיום אין גלות — איז אהן ספק די פראגע פון דער ערציהונג און חינוך פון דעם יונגען דור.

דאס ערציהונגס-פראבלעם שפילט א חשובע ראלע ביי אלע פעלקער, ווייל די יוגענד איז דאך דאס קאסטבארסטע פערמעגען פון יעדער נאציע, דעריבער זעהען מיר איבעראל, אז די בערופענע פאקטארען בעשעפטיגען זיך מיט דער ערציהונג פון יונגען דור, מען רופט העכער דעם צונויף בעראטונגען פון פאכלעהרער, קאנפערענצען און קאנגרעסען. אין אויסלאנד, און די מערב לענדער האט מען זיך אבער מיט די פאכמענער נישט בעגנוגעט, די פעראנטווארטליכע סטאטס-שטעלען גיבען זיך אב א חשבון, און זענען געקומען צו דער איבערצייגונג אז זיי אליין קענען דא גארנישט אויפטהון, אז כדי צו האבען ערפאלג מוז מען פעראינטערעסירען אויך די עלטערן, און צוזאמען מיט זיי פארזיכטיג די נויטווענדיגע רעפארמען אדורכצופיהרען.

און עס איז דאך קלאר, די עלטערן געבען איבער דער שולע דאס טייערסטע וואס זיי פערמאגען, זיי ווילען זעהן ווי אזוי דאס קינד ענטוויקעלט זיך, זיי זעהען די ערפאלגען פון דער שול-ערציהונג, דעריבער מוזען זיי אויך מיטארבייטען ביי דעם שאפען פון דער נייער שולע, מוזען זיי העלפען און ראט געבען ווי אזוי די היזיגע שולע אויפצובויען. דערפאר ארגאנט מען דארט יעדעס מאל פערזאמלונגען און דיסקוסיעס פאר עלטערן, און מען ציהט זיי אריין אין דער פראקטישער ארבייט פון דער שולע. און אין אויסלאנד איז טאקי די פראגע אויף דעם בעסטען וועג גליקליך געלעזט געווארען. די מיטארבייט פון שולע און עלטערן האט געגעבען די בעסטע ערפאלגען, און די גאנצע בעפעלקערונג איז דערפון בעגייסטערט און ווייס גענוי וואס פאר א שולע זי בעדארף פאר די קינדער האבען, און וואס פאר א תכלית די קינדער האבען פון דער שולע.

מיר יודען קענען זיך אבער מיט די אנדערע פעלקער נישט פערגלייכען, מיר געפינען זיך אין גאנץ אנדערע בעדינגונגען ווי אלע פעלקער. מיר האבען אויך נישט די מלוכה'שע אינסטיטוציעס וואס זייער פליכט איז צו בעארבייטען פראגראמען, איינצופיהרען נייע שיטות, פרובען צו געפינען דורך נייע וועגען דאס, וואס די קינדער בעדארפען האבען, און וואס עס זאל די בעסטע פרוכטען געבען אין זייער ערציהונג. עס פעהלט אונז דער גאנצער גרויסער אפאראט, וואס זאל די שוין אנגענומענע בעשלוסען אויספיהרען.

אבער דאס אלעס העלפט נאך נישט גענוג. דאס וויכטיגסטע, דער גאנצער אפאראט האט צוואר זיין גרויסע בעדייטונג, אבער דאס יודישע פאלק האט בעוויזען, אז מ'קען זיך אויך אהן דעם אפאראט העלפען. האבען מיר דאך צוויי טויזענד יאהר געהאט נאר „פריוואטע שולען" — אנהויבענדיג פון די נידריגסטע פאר תינוקות דבי רב און ביז צו די העכסטע מתיבתות און ישיבות, צו די יודישע אוניווערסיטעטען, וואו עלטערע געלעהרטע און גאונים האלטען פארטראגען פאר ערוואקסענע תלמידים, וואס פלעגען זיך צונויפקומען פון דער גאנצער וועלט. א יודישע מלוכה האט שוין אין די לעצטע צייטען נישט עקזיסטירט, און דאך האבען זיך די היזיגע שולען ענטוויקעלט און ארויסגעגעבען גאונים און גרויסע געלעהרטע, און דאך האבען די היזיגע שולען געהאט דעם גרעסטען איינפלוס אויף דעם גאנצען פאלק, געהויבען זיין גייסטיגען מצב, און געשטארקט זיין קראפט אויסצוהאלטען די יסורים און די צרות פון די שרעקליכסטע פערפאלגונגען אין אלע צייטען און דורות. דער גאנצער אונטערשייד פון דאמאלס ביז היינט איז אבער דער, וואס דאמאלס האט זיך דאס גאנצע פאלק, דער יחיד און דער כלל בעצויגען גאנץ אנדערש צו די היזיגע שולען, דער חילק פון דעם גאנצען פאלק האט זיך פעראייניגט, כדי אויפצובויען די נויטיגע שולען, און פון אלע לענדער פלעגט מען שיקען געלד און אונטערשטיצען די הייליגע אינסטיטוציעס. מיר זעהען אלזא, אז א פאלק קען אויך אהן הילף פון מלוכה מאכט אויפבויען און שטארק מאכען זיינע חינוך אינסטיטוציעס.

אויך מיר פוילישע יודען האלטען זיך געקענט שאפען די ריכטיגע און די פאר אונז ענטשפרעכענדע שולען, נאר עס פעהלט ביי אונז לעדער דער אינטערעס פאר די ערציהונגס-פראגען, ווייל דאס פראבלעם איז נישט גענוג פאפולער, ווייל מ'גיט זיך נישט אב קיין דין וחשבון פון דעם וואס געשעהט. די בייזע פעלגען פון א שלעכטער ערציהונג זעהט מען דאך ערשט נאך צוואנציג דרייסיג יאהר, אזוי ווי מיר זעהען די שלעכטע רעזולטאטען פון דער אסימילאטארישער ערציהונג ערשט היינט. דעם אינטערעס פאר די היזיגע פראגען מוז מען אבער ערוועקען, מען מוז דעם יודישען עולם קלאר מאכען וואס פאר א גרויסע אחריות עס ליגט אויף איהם בנוגע דער ערציהונג פון יונגען אונטערוואקסענדען דור.

ווי אזוי האט זיך פערטיידיקט דער נייער ישוב.

דורך קפא"י.

שוין איצט, ווען מיר בעטראכטען אונזערע טויטע און פערוואונדעטע פון די לעצטע צעהן שרעקליכע טעג, שוין איצט ווען מיר שטיקען די טרעהרען אין זיך כדי שונאים זאלען זיך נישט פרייען, שטראהלט פאר אונז אויף מיט דער פולער הערליכער ליכטיגקייט די יודישע פערטיידיגונג. נישט קיין צעהנדלינגער נאר מיט הונדערטער יודישע בחורים, מענשען פון ארבייט און פון פרידליכען לעבען האבען אין די סכנה-טעג ארויסגעוויזען אזוי פיעל גבורה און הערליכע העלדישקייט און מיט זייער בלוט פערטיידיגט יודישע האב און גוטס, יודישען כבוד און יודיש לעבען.

נישט געווען כמעט קיין פונקט פון דער נייער ארץ ישראל וועלכער איז נישט העלדיש פערטיידיגט געווארען און ווען נישט די ענגלישע אדמיניסטראציע אין לאנד, וואלטען די פונקטען נישט פערלאזען געווארען. נישט די געשלאגענע, נאר די זיגער זענען די פערטיידיגער געצוואונגען געווארען לויט'ן בעפעהל פון ענגלישען מיליטער צו פערלאזען זייערע ארבייטס-פונקטען.

חולדה.

אויפ'ן וועג צו ירושלים, אויף דער הויך פון א בארג ארומגערינגעלט מיט גרינע ביימער פון „יער הרצל" ליגט די קבוצה חולדה. ארום און ארום אראבישע דערפער. ביז פרייטאג דעם 23 אויגוסט האט מען אין קבוצה גאר נישט געוואוסט פון דער העצע וואס ווערט געפיהרט צווישען די אראבער. גאנץ אומגעריכט איז אבער די קבוצה אויפגערודערט געווארען דורך א בעזוך פון צוויי אראבישע פאליציסטען, וועלכע האבען ערקלערט, אז זיי זענען געשיקט געווארען אהער אפצוהיטען די קבוצה. אזוי, אראבישע פאליציסטען וועלען אפהיטען די קבוצה! די קבוצה האט זיך גלייך געווענדעט נאך הילף אין תל-אביב, פון וואנען עס איז ארויסגעשיקט געווארען א גרופע בחורים מיט אפרים ציזיק בראש אלס אנפיהרער פון דער פערטיידיגונג אין חולדה.

דער יונגער ציזיק! די פאמיליע ציזיק איז בעקאנט אין לאנד, ווער קען דען נישט פון שרה ציזיק, די העלדישע קעמפערין אין תל-חי, וואו זי האט איהר טויט געפונען צוזאמען מיט טרומפעלדאר'ן! אפרים ציזיק, נאך א יונגער בחור, אבער מיט א שטארקען הילען און מיט א חלוצישען פייער אין הארצען, האט געארבייט אין גלול. לעצטענס געווען אין נהרים ביי דער רוטענבערג ארבייט און איצט ווען ס'זענען אויסגעבראכען די אומרוהען איז ער געשיקט געווארען אנצופיהרען מיט די פערטיידיגונג פון חולדה.

קיין בעסערען „קאמענדאנט" האט מען נישט געדארפט האבען. שבת אין אוונט איז געקומען א אנטרונענער פון כפר אוריה אין קבוצה און דערצעהלט אז כפר אוריה איז פערברענט און אז די יודען ליגען פערשטעקט ביים שייך אין הויז. די געקומענע אראבישע פאליציסטען האבען בעשטעטיגט די ריד פון אנטרונענעם און א חבר פון חולדה איז געשיקט געווארען דורכצורייסען זיך ביז רחובות, נעמען אויטאמאבילען און איבערפיהרען די קאלאניסטען פון כפר אוריה אין רחובות. די שליחות איז פונקטליך אויסגעפיהרט געווארען און חולדה האט זיך אנגעהויבען גרייטען צו פערטיידיגונג. עס זענען געגראבען געווארען טראנשייען, בעשטימט געווארען די פערטיידיגונגס-פלעצער, און דאס אלעס האט געמוזט געמאכט ווערען אין דער שטיל, אז די אראבישע פאליציי זאל דערפון נישט וויסען. די וועגען ארום חולדה זענען שוין געווען פערפאקט פון אראבישע רויבער. דאך איז פון תל-אביב און רחובות ארויס א גרופע בחורים דורכצורייסען זיך קיין חולדה. אין אראבישען דארף ענבר איז דאן פארגעקומען א צוזאמענקום פון די אראבער, וואו מען האט בעהאנדעלט די פראגע פון אנפאל אויף חולדה, ווייל ער לעבט פריינדליך מיט די יודישע קאלאניסטען ארום, און איין אראבער האט געראטען די גרופע, זיי זאלען נישט פאהרען דורכ'ן דארף ווייל זיי וועלען בעפאלען ווערען. קיין אנדער וועג צו קומען אין חולדה איז נישט געווען און מען האט זיך אנגעהויבען דורכרייסען דעם דארף.

אומזיסט האבען זיך די אראבער א לאז געטהון צום אויטאמאביל, שטיינער און קוילען זענען געפלויגען פון אלע זייטען. איין אראבער האט זיך אפילו ארויפגעכאפט אויפ'ן אויטאמאביל, ער איז אבער ארונטערגעשלייַדערט געווארען און מען האט זיך דורכגעריסען. אין דארף פאראר האבען די אראבער פערלייגט דעם וועג מיט שטיינער און שטרוי-זעק, אבער דער פלינקער יודישער שאפער האט דורכגעריסען דעם וועג און מיט 30 מינוט פאר נאכט איז די גרופע אנגעקומען בשלום אין חולדה. גלייכצייטיג איז אויך אנגעקומען א צווייטע גרופע פון 10 מאן (אויך פון תל-אביב) מיט דער פאהן.

אין דער נאכט האט דער וועכטער בעמערקט צוויי אראבער גנב'ענען זיך צום שייער. ער האט געעפענט א פייער און מעהר קיין צוזאמענשטויסען זענען די נאכט נישט פארגעקומען.

אויף מארגען פריה האט איין גרופע זיך צוריקגעקעהרט אין תל-אביב (זיי האבען געדארפט געשיקט ווערען אין א צווייטען פלאץ). אין משך פון טאג האט זיך געפיהלט א שטארקע בעוועגונג צווישען די אראבער. פון דער אראבישער ראמלע איז געקומען א אויטא אין אראבישער דארף חולדה און דא הינטער אונז איז בעשלאסען געווארען צו מאכען דעם אנפאל. פארנאכט האט חולדה ארויסגעשיקט צוויי בחורים צו דער באהן-סטאציע כדי צו זעהן צי עס זענען געקומען נייע יודישע כחות פון תל-אביב, קיינער איז אבער נישט געקומען און די צוויי בחורים האבען זיך מיט גרויס שוועריגקייט איינגעגעבען צוריקצוקומען א היים.

מיט'ן אווענט האט זיך אנגעהויבען דער אנפאל. פון אלע זייטען זענען אנגעקומען די אראבער און עס האט זיך אנגעהויבען די שיסערי. א גאנצע ארמעע מיט פאקלען אין די הענט האט אנגעצונדען דעם שפייכלער. די פערטיידיגונג איז פארגעקומען פון אמענגס הויף און דער קאמענדאנט ציזיק האט געגעבען א בעפעהל איבערצוטראגען די פערטיידיגונג אין צווייטען שטאק פון הויז. פרייוויליג זענען די פערטיידיגער ארויף אין הויז. דער לעצטער איז געגאנגען דער קאמענדאנט ציזיק. ווי נאר ער האט זיך א הויב געטהון איז ער געטראפען געווארען פון א קויל און אנידערגעפאלען. מען האט איהם אריינגעשלעפט אין הויז און נאך אייניגע מינוט איז ער געשטארבען.

די קאמענדע האט איבערגענומען א צווייטער חבר.

33 חברים מיט בוקסען האבען זיך אויסגעשטעלט ארום די צונגרייטע וואנט און געקעמפט א שטארקען קאמף. אומזיסט האבען זיך די צעווילדעטע און אויפגעהעצטע אראבער געווארפען אין הויף אריין. זיי זענען אלע מאל בלוטיג צוריקגעשלאגען געווארען. איין אראבער וועלכער איז פערוואונדעט געווארען נעבען הויז האט געבעטען מען זאל איהם דערלאנגען וואסער, מען האט איהם אבער דאס נישט געקאנט טהון, ווייל די אראבער האבען נישט אויפגעהערט זייער אנגריף.

11 בייַנאכט האט זיך דערהערט א שוסער פון א צווייטער זייט. די אראבער האבען אויפגעהערט שיסען און שרייען און די פערטיידיגער האבען דערהערט אין ענגליש און אראביש: ענגלישע סאלדאטען! איז דאס נישט

(סוף—5-טע זייט).

וואס געהערט, וואס געזעהען.

אין דער גאנצער יודישער וועלט הערט זיך איצט דער מאנאטאנער רוף, דאס ציהט זיך פון דורות

שטעהט אויף יודעלעך

שטעהט אויף צו סליחות, רעדט אייך ארויס פון הארצען און בעהט אז מען זאל אייך מוחל זיין אייערע חטאים.

שטעהט אויף יודעלעך, לאזט אייך אויף פון אייער שלאף, זעהט אז איהר זאלט זיך אייער לעבען פערבעסערען און נישט בלויז דאס לעבען פון יחיד נאר פון גאנצען כלל.

שטעהט אויף יודעלעך אלע ווי איין מאן, פאר'ן קיום האומה, פאר'ן אויסקעמפען מעהר מענשליכע און נאציאנאלע רעכט.

שטעהט אויך אויף איהר יודעלעך, גענוג געשלאפען, אלע פערשקלאפטע פעלקער זענען שוין תחיית המתים אויפגעשטאנען נאר מיר יודען ראנגלען זיך נאך! אין א ביטערען קאמף פאר אונזער לעבען.

שטעהט אויף יודעלעך, ווארום דאס פאלק קען נאר זיין דאמאלס שטארק, ווען עס איז איין ארגאניזירטע קערפערשאפט. ליידער שלאפען נאך דאס רוב יודען ביי אונז, זיי ווילען זיך נישט אנערקענען אלס גלייכע מענשען פון א געזונד גרויס פאלק.

שטעה אויף ישראל, ווארום עס איז שוין הויכע צייט, זאג די סליחות, נאר פערשטעה אז מיט בלויז וויינען קען מען נישט יוצא זיין, מעשים פארערט מען פון דיר, און אויב א גאנץ יאהר ניסטו דיר נישט אב קיין דין חשבון דאן פערטראכט דיך כאטש ביי די סליחות.

שטעהט אויף יודעלעך!

כ'האב געזעהן ארץ ישראל.

אין ארץ-ישראל בין איך נישט געווען, אבער געזעהען האב איך עס, איך האב געזעהען יודישע קאלאניעס ווי אזוי יודען, ממש יודען בעארבייטען די ערד, האקען שטיינער און טרוקענען אויס די זומפען.

אויך האב איך געזעהען יודישע פאליציי מיט זייער קאמענדאנט, איך האב געזעהען די איינציגע יודישע שטאדט תל אביב און מיין הארץ האט געגעבען א צאפעל, עס האט אנגערוהרט דאס פינטעלע יוד, און מיר געגעבען א טרעם אין דער נשמה.

דאס איז נישט קיין חלום, איך האב עס געזעהען אין קינא, אין קינא „חשמונאי" וואו עס איז געווען אראבגענומען א בילד פון ארץ-ישראל.

דערביי איז אבער ווערט צו בעמערקען די האלטונג פון די אנוועזענדע קריסטליכע בעזוכער, לכתחילה ווען מען האט געוויזען די כותל המערבי און ווי אזוי יודען שטעהען דאוונען און שאקלען זיך, האט זיך געהערט א איראניש לאכען, אבער שפעטער ווען מען האט געוויזען די יודישע פויערים ווי אזוי זיי אקערן, זייען און בעארבייטען די פעלדער מיט די נייעסטע טעכנישע מאשינען, ווען מען האט געוויזען די יודישע פאליציי מיט זייער קאמענדאנט האט זענען געהען אזוי גלייך ווי די בוימער פון לבנון, האב איך בעמערקט ווי עס וואקסט דער דרך ארץ צום יודען. מען האט עס אין דער טונקעלער לופט פון קינא געפיהלט, דארום שפעטער ווען עס איז ליכטיג געווארען, האב איך אויף די ליפען וועלכע זענען מיט א מינוט צוריק געווען איראניש אויסגעקרימט, זענען ערנסט געווארען, און מיט די קעפ האבען זיי געשאקעלט פאר פערוואונדערונג.

יא, איך האב געזעהען ארץ ישראל. איך האב געזעהען און בין שטאלץ געווארען אויף דעם טייל יודען, וואס מאכען אז פעלקער זאלען פאר אונז דרך ארץ האבען, און זיך בעציהען צו נארמאלע געזונדע מענשען פון א פאלק, וואס האט אלע בעדינגונגען צו זיין א פאלק, נאר די בעדינגונגען אין וועלכע מיר האבען געלעבט האבען אונז נישט צוגעלאזט דערצו, און ביי דער ערשטער מעגליכקייט האבען מיר בעוויזען וואס מיר קאנען.

דעם בעסטען בעווייז האבען מיר געהאט אפילו ביי די ארץ-ישראל געשעהענישען, ווען די אראבער זענען אנגעפאלען אויף אונז יודען, וועלכע האבען שוין צוויי טויזענד יאהר קיין שווערד אין דער האנד נישט געהאלטען, זענען אונזערע 6 קעגען הונדערטער ארויסגעטרעטען און מנצח געווען.

איך האב געזעהען אין מיניאטור, ארץ ישראל.

וועגען דעם וואס איז נישט פארגעקומען.

טומלט זיך דאך נאך אלץ וועגען די געשעהענישען אין פאלעסטינא, און יעדע ארגאניזאציע סיי די וואס האבען א פאזיטיווע שטעלונג צום ארץ-ישראל פראבלעם און סיי די וואס האבען א נעגאטיווע שטעלונג, בעמיהען זיך צו בעלויכטען די געשעהענישען אין זייער ליכט.

דאס האבען שוין געטהון כמעט אלע ארגאניזאציעס, דאס האבען געטהון די ציוניסטען, דאס האט פרובירט צו טהון דער בונד, און אויף דעם לעצטען פרייטאג איז געווען רעקלאמירט מיט ספעציעלע פלאקאטען, אז די לינקע פועלי ציון וועלען „בעלויכטען" די ארץ ישראל געשעהענישען פון געלינקטען שטאנדפונקט.

איך האב געווארט מיט אומגעדולד אויף דער דאזיגער פערזאמלונג, ווארום וויפיעל איך רעד מיר נישט איין אז איך בין א חכם בין איך דאך אבער נאך נישט אזוי קלוג אז איך זאל זיין, די דאזיגע לינקע פ. צ. פערשטעהן, איך האב אבער זיך נישט דערווארט, די לעצטע מינוט האבען די איניציאטארען ארויסגעהאנגען א מודעה, אז צוליעב סיבות נישט אבהענגיג פון זיי, וועט די גרויסע פערזאמלונג נישט פארקומען.

לצים זאגען אפילו, אז זיי האבען זיך דערשראקען פאר די פאמידארען וואס זענען געקומען אנגעגרייט מכבד צו זיין די פרעלעגענטען, כאטש איך גלויב נישט אין דעם... אבער א פאקט איז אז די געלאבטע פערלעזונג פון די פ. צעקעס וועגען די געשעהענישען אין ארץ-ישראל איז נישט פארגעקומען.

אויך איז נישט פארגעקומען דער געפלאנטער אויספלוג דעם פערגאנגענעם שבת פון די יודישע געזעלשאפט פאר לאנדקענטעניש.

ווי איהר ווייסט זענען פארגעקומען בסדר'דיגע אויספלוגען און אלע וועלכע האבען זיך אנגעשלאסען, האבען זיי געוואלט צום שלוס פון סעזאן נאך מאכען עטליכע היסטארישע אויספלוגען ארום דער שטאדט, זיי האבען געוואלט בעזוכען די הוטעס, פאבריקען א. א. וו.

איין אויספלוג האט געזאלט פארקומען שבת נאכמיטאג אין דער הוטא „פאולינא". געשטעלדען איז געווען אז פיהרען וועט דעם אויספלוג א געוויסער לעהרער ב. צו דער בעשטימטער צייט האבען זיך אלע אנטיילנעמער צוגעשטעלט אויפ'ן פלאץ. זיי האבען אבער געמוזט צוריק אהיימגעהן דערפאר ווייל דער „פיהרער" האט אזוי ווי אלע מאל אנגעשפעטיגט.

צו דעם אויספלוג זענען געקומען עטליכע וואס ארבייטען גאנצע וואך האבען זיי געוואלט כאטש איינמאל געניסען פון אזא אויספלוג, און עס האט זיך זיי ליידער נישט איינגעגעבען.

דער ה' ב. הפנים האט געמיינט אז ער האט צו טהון מיט קינדער און מיט קינדער רעכענט מען זיך [illegible].

צומארגענס איז עפּיס יא פארגעקומען א קלענער אויספלוג, אבער עס איז שוין געווען, ווי זאגט מען עפּיס...

א שפאציר איבער די יודישע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס.

VIII

דערגענצונגס - קורסען פאר לערן יונגלעך ביי דער האנדווערקער שולע.

פון היינטיגן ארטיקעל וועט זיין געווידמעט נישט בלויז דער געשיכטע פון די קורסען, נאר וועט זיך אויך אפשטעלען אויף דער בעדייטונג פון די קורסען און זייערע אויפגאבען אין איצטיגען מאמענט.

דער יודישער בעל מלאכה האט זיך ביז לעצטענס רעקרוטירט פון די עלעמענטען, וועלכע האבען נישט געהאט קיין שום פארבערייטונגען צום ערלערנען זיין פאך מעטאדיש, במילא האט ער זיך דאס פאך אויך נישט געקאנט אויסלערנען פראקטיש, און דאריבער האבען אונזערע יודישע בעלי-מלאכות און דער הינזיכט אבסאלוט אונטערגעהינקט.

און די מייסטער - צעכען זענען די מיטגלידער געוועזן אויסשליסליך קריסטען און זעלטען ווען א יודישער האנדווערקער האט געהאט צו זיי א צוטריט.

בא אונז יודען, האט מען וועגען דעם קיין אהנונג נישט געהאט און מיר האבען עס איבערהויפט געהאלטען פאר אנ'איבריגע זאך.

ערשט אין יאהר 1922 האט לויט דער איניציאטיוו פון דער יק"א, דער היגער האנדווערקער פערבאנד געגרינדעט די ערשטע קורסען פאר לערן-יונגלעך, וועלכע זענען פערנעקיפט אין דער האנדווערקער-שולע.

עס איז אבער נישט אזוי לייכט געווען צו בעוועגען א יודיש לערן יונגעל, אז ער זאל זיך קימען לערנען, ערשטענס איז עס פאר דעם מייסטער נישט געווען בעקוועם צו בעפרייען דאס יונגעל פון דער ארבעט אין די אווענד שעה'ן, און דאן האט דאס יודישע לערן יונגעל בעסער געוואלט זיין פריי איידער זיך צו פערנעמען מיט לעהרע, דאריבער זענען די קורסען און וועלכע עס האבען זיך געלערנט פיל יונגלעך און אויך מיידלעך זעהר ווייניג בעזוכט געווארען, און עס זענען געווען סך-הכל 2 אבטיילונגען.

אין 15|XII 1927 איז ארויס א דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט וועגען דעם צוואנג צעכען-געזעץ, לויט וועלכען יעדער בעל מלאכה וואס וויל פיהרען א זעלבסשטענדיגע ווערקשטעל מוז האבען א פאך צייגניש, אז ער איז א קוואליפיצירטער פאכמאן, און די יעניגע וואס קענען אויפציען אז זיי פיהרען שוין א זעלבסשטענדיגע ווערקשטאט מוזען בעלייגען א עקזאמען פאר די געשאפענע האנדווערקער קאמערן ביז אין יאהר 1932.

לערן-יונגלעך — ווערט אין דעם דעקרעט געזאגט — מוזען אומבעדינגט בעזוכען די פאך - קורסען, אנדערש ווערט דער מייסטער בעשטראפט מיט 14 טעג ארעסט אדער מיט טויזענד זלאטעס שטראף, אויסער דעם ווערט א מייסטער, וועלכער וועט נישט האבען די דאזיגע בעשייניגונג פון צעך, נישט טארען בעשעפטיגען קיין לערן-יונגלעך.

יעדעס לערן יונגעל מוז אונטערשרייבען א קאנטראקט מיט'ן מייסטער אויף דריי יאהר, און ווען ער וויל ווערען א געזעלען מוז ער אויסהאלטען א עקזאמען פאר א קאמיסיע פון דער האנדווערקער-קאמער, און שפעטער ווען ער וויל ווערען א זעלבסטשטענדיגער מייסטער מוז ער בעלייגען א צווייטען עקזאמען.

דער דאזיגער דעקרעט האט געצוואונגען די לערן יונגלעך, אז זיי זאלען מעהר בעזוכען די דערגענצונגס - קורסען און דער היגער האנדווערקער-פערבאנד האט זיך גענומען ענערגיש די דאזיגע ארבייט אדורכצופיהרען, עס איז אויסגעקליבען געווארען א קאמיסיע פון די ה"ה ס. מיפלער (פארזיצער), ראטמ. געלרענקרן, א. דזיאלאסקי, ם. בלום און א. הינער, וועלכע פונקציאנירט ביי די קורסען, און אנפיהרער פון די קורסען איז דער דירעקטאר פון דער האנדווערקער-שולע אינזש. פשיסוסקער.

עס האט זיך דאן געקאנט דאכטען, אז איצט ווען עס איז שוין א צוואנגס געזעץ וועלען אלע יודישע לערן-יונגלעך בעזוכען די קורסען, עס איז אבער א טעות, פון די פיעל הונדערטער לערן יונגלעך האבען זיך קוים פעררעגיסטרירט 380 יונגלעך, בעטש פלאץ איז פערהאן קוים אויף 250, ווי זענען די איבריגע הונדערטער יונגלעך?

אנדערש איז ביי די קריסטליכע לערן יונגלעך, זייערע קורסען זענען שוין לעגאליזירט (פאר די יודישע לערן קורסען בעמיהט מען זיך ערשט, אז זיי זאלען לעגאליזירט ווערען) און בעקומען אונגעהויערע סומע סובסידיומס פון דער רעגירונג, ראנגעלט זיך די יודישע דערגענצונגס - קורסען מיט א מאטעריעלען קריזיס.

דאס קאן אבער נישט זיין קיין אויסרייד, אז מען דארף נישט בעזוכען די קורסען, ווארום מען מוז געדענקען, אז אויב דער דעקרעט וועגען צעכען-געזעץ האט דאך נישט געקאנט אראבשטעקען דעם יודישען בעל מלאכה פון הערונזנט, וועט אבער די דאזיגע גלייכגילטיגקייט מצד די מייסטער פון איין זייט און פון די לערן יונגלעך פון דער צווייטער זייט, מאכען א סוף צו די אילוזיעס, אז יודען וועלען זיך קאנען פערנעמען מיט מלאכה.

דעם חודש ווערט די האנדווערקער-קאמער קאנסטיטואירט, עס וועט זיך אנהייבען די נארמאלע ארבייט, און די אלע, וועלכע וועלען נישט בעזוכען די קורסען, וועלען זיך מיט מלאכה נישט קאנען פערנעמען, מע פרעגט זיך, וואס וועט זיין מיט דער צוקונפט פון די טויזענדער יודען, וואס ווילען זיך פערנעמען מיט א פאך, די יודישע געזעלשאפט, דער האנדווערקער-פערבאנד, און לויט מיין מיינונג, אויך די יודישע קהלה, דארף וועגען דעם נעמען א ווארט, עס דארף געפיהרט ווערען א ברייטע פראפאגאנדע און אויפקלערונג, אז איצט ווען עס לאזען זיך אויס די לופט פרנסות, און דער איינציגער עקזיסטענץ באזיס איז נאך די מלאכה, זאל נישט פערנאכלעסיגט ווערען דער דאזיגער וויכטיגער פונקט, וואס איז דער ערשטער אריינפיהר זיך צו ערלערנען א פאך.

אויך דארפען געדענקען די בעלי-מלאכות, די היינטיגע מייסטער, אז אויך פאר זיי רוקט זיך די צייט, ווען זיי וועלען זיך דארפען שטעלען צו די עקזאמענס, איז וואס געטהון געווארען אויף דעם געביעט? ווי עס אינפארמירען מיך די לערער פון די דערגענצונגס קורסען, וועלען אין קורצען געעפענט ווערען אזעלכע קורסען אויך פאר די מייסטער.

אין דער צוקונפט וועלען נאר אזעלכע מייסטער קאנען האלטען לערן-יונגלעך, וואס וועלען האבען די צעכען-צייגניש.

די האנדווערקער-שולע ווען זי וועט האבען רעגירונגס רעכט וועט זי קענען ארויסגעבען די צייגנישען די שילער, איז דעריבער וועלען די שילער, וועלכע וועלען ענדיגען די דערגענצונגס קורסען, נישט דארפען ערשט עקזאמינירט ווערען דורך די האנדווערקער-קאמערן, נאר דורך די לעהרער צוזאמען מיט איין מיטגליד פון די האנדווערקער קאמער.

די דערגענצונגס-קורסען קומען פאר אין דער האנדווערקער - שולע, יעדען טאג פון 7 ביז האלב 10 אין אווענד.

עס לערנען זיך 250 שילער, וואס זענען געטיילט אין 6 אבטיילונגען, ווי עס ווערען בעשעפטיגט 14 קוואליפיצירטע לעהרער.

עס ווערען געלערנט פאלגענדע געגענשטענדען:

1) יודישע געשיכטע, 2) יודישע ליטעראטור, 3) מאטעמאטיק, 4) געאמעטריע, 5) טעכנישע צייכנונגען, 6) האנדצייכנונגען, 7) פויליש, 8) יודיש, 9) בעקענען זיך מיט פערשידענע מאטעריאלען אויספארבייטונג, 10] טעכנאלאגיע, 11] געאגראפיע, 12) אינדוסטריעלע פיזיק, 13] צושניידען, 14) היגיענע, 15] האנדעלס-וויסענשאפט און 16) פוילישע בירגערשאפט קענטניס.

אויסערדעם ווערט געפלאנט צו ארגאניזירען ספעציעלע פאכמענער, וואס זאלען אויסלערנען פראקטיש די שילער פערשידענע ארבייטען, אזוי ווי די שניידער לערן יונגלעך בילדען 50 פראצענט פון אלע שילער איז אזא קוואליפיצירטער פאכמאן שוין אנגאזשירט געווארען און דאס וועט אויך זיין אין אלע איבריגע פאכען.

עס ווערט אויך געפלאנט איינצוארדנען קורסען פאר די לערן מיידלעך אויף וועלכע עס איז אויך חל דער דאזיגער געזעץ.

די דערגענצונגס - קורסען בעקומען סובסידיעס פון יק"א וועלכע בעטרעפט 50 פראצענט פון בודזשעט, וואס מאכט אויס די סומע פון 10,000 זל. א יאהר, דער מאגיסטראט 9000 זל. און די יודישע קהלה האט צוגעזאגט 6000 זלאטעס.

ווי אויך וועט שפילען די דערגענצונגס-קורסען א וויכטיגע ראלע אין לעבען פון דעם קינפטיגען יודישען בעל מלאכה, עס דארפען נאר אנגעווענדעט ווערען אלע נויטיגע בעמיהונגען, אז זיי זאלען שטעהען אויף דער הויך פון זייערע אויפגאבען און עס זאל ווערען דער נעבעט און די נויטווענדיגקייט פון אלע פראינטערעסירטע לטובת דעם קינפטיגען יודישען בעל-מלאכה.

סעם.

פאר'ן אויסמעסטען דעם הכנסה-שטייער.

די טעג טרעטען צו די מיטגלידער פון דער שאצונגס-קאמיסיע פון הכנסה שטייער צום אויסמעסטען דעם דאזיגען שטייער פאר'ן יאהר 1928.

די פערשטעהער פון יודישען האנדעלס-קלאס אין דער קאמיסיע שטעהען פאר א שווערער אויפגאבע, מאחמת עס האלט דערביי, אז אין פערגלייך מיט'ן יאהר 1927 זאל די איצטיגע אויסמעסטונג פון דעם הכנסה-שטייער פאר'ן יאהר 1928 זיין א שטארקערע.

די פערדינסטען, וואס דער שטייער-אמט האט בדעה איצט צו בערעכנען, זענען גאר נישקשה'דיגע: פון שניידער, למשל, בעטרעפט דער ריינער פערדינסט, לויט דער מיינונג פון שטייער-אמט 12 פראצ. פון מאנופאקטור — 15, קרעמלעך פון סארטע - וואסער — 16, גאלאנטעריע — 20 און אז. וו. הגם אין דער ווירקליכקייט זענען די פערדינסטען קוים פון 3 ביז 5, אין בעסטען פאל 8 פראצ.

חוץ דעם ווערט דער הכנסה-שטייער געשאצט לויט דעם אויסגעמאסטענעם אומזאץ שטייער, וועלכער איז אין פיל פאלען צו הויך געשטעלט געווארען און די שאצונגס - קאמיסיע דארף עס גוט האבען אין זינען.

בעזונדערס טראגיש איז די לאגע פון קליינהענדלערטום, וואס איז אין משך פון לעצטען יאהר פולשטענדיג רואינירט געווארען, און דער גרעסטער טייל האלט אויף די נשמה מיט דער הילף פון רעטונגס-קאמיטעט, גמילת חסדים קאסע און שטיצע פון פערי-קאנער קרובים.

צי דען קען גאר זיין א רייד, אז ביי אזא שווערער לאגע זאל דער הכנסה-שטייער פאר'ן לעצטען יאהר זיין העכער פון פאריאהריגען?

און נאך עפעס: עס טרעפט אפט, אז אנשטאט בעלד אויפ'ן ארט צו בעפרייען דעם ארימען שטייער-צאהלער, שטעלט מען איהם פערלויפיג א קלענערען שטייער, און מען האט דערביי די אויפרעכנונג, אז שפעטער וועט איהם די אפעלאציע-קאמיסיע אינגאנצען בעפרייען; דאס איז אבער א קאלטע רפואה, ווייל די אפעלאציע איז פערבונדען מיט פערשידענע יורידישע קאמפליקאציעס, און דער דערדריקטער שטייער-צאהלער פאלט דערווייל אינגאנצען אונטער דעם לאסט פון שטייער, וועלכען ער איז בשום אופן נישט בכח צו בעצאהלען.

די מיטגלידער פון דער שטייער-קאמיסיע פאר'ן הכנסה-שטייער דארפען דעריבער מיט דער גרעסטער ענערגיע שטעהן אויף דער וואך, כדי יושר'דיג און געוויסענהאפט צו ערפילען זייער אויפגאבע, ווייל ס'איז דערפון אפהענגיג דער גורל פון הונדערטער פאמיליעס.

W. Dobryszycki
starszy felczer
Nowy Rynek № 5
w podwórzu, na prawo, I piętro.

די עלטערן בעקלאגען זיך.

אין רעדאקציע קומען עלטערן בעקלאגען זיך אויף די פערשידענע יוגענד - ארגאניזאציעס, וועלכע ציהען ארויין זייערע קינדער אין די ארגאניזאציעס און דערמיט ווערען זיי אבגעריסען פון דער לעהרע, זיי מאכען נישט די לעקציעס און בעקומען דאריבער שלעכטע צענזורען.

קומען זיי צו אונז און בעטען, אז מיר זאלען וועגען דעם שרייבען, און אויפמערקזאם מאכען די מאסגעבענדע קרייזען, אז עס זאל שטרענג פערבאטען ווערען אנצונעמען מינדעריעהריגע שול-קינדער אין די פערשידענע יונגענד ארגאניזאציעס.

די זאך קען אבער נישט פערענטפערט ווערען מיט איין מאך פון דער פעדער, ווארום דאס איז אנ'אנגעוועהטאגטע פראגע וועלכע האט טיפע ווארצלען און עס איז שווער דאס צו בעקעמפען, ווארום כמעט אלע ארגאניזאציעס פון ציוניסטישע און פון סאציאליסטישע האבען ביי זיך אזעלכע קינדער-ארגאניזאציעס און פון דעם רעקרוטירט זיך זייער גאנצע ארמעע, ווייל די גרויסע האבען נישט קיין געדולד צו אזעלכע נארישקייטען...

די דאזיגע פראגע איז א מכת מדינה און עס וואלט כדאי געווען זיך צו פערטראכטען וועגען די דאזיגע ערשיינונגען, ווארום ווי מען זאל נישט זיין טאלעראנטיש געשטימט צו דער ארבעט יעדער יונגנד-ארגאניזאציע האט די אויפגאבע רייף צו מאכען די יונגענד און זי פראינטערעסירען מיט געזעלשאפטליכע פראגען איז עס אבער פון דער צווייטער זייט א זעהר שעדליכע ערשיינונג, וואס מען נעמט קינדער פון די שול-בענק און מען מאכט זיי באלד פאר קאליקעס.

יעדענפאלס איז עס זעהר א ערנסטע פראגע, אויף וועלכער עס לוינט זיך אפצושטעלען, די עלטערן פון די קינדער האבען גרויס קנאת-נפש און בעקלאגען זיך שטארק.

אבקלאנגען פון די ארץ-ישראל געשעהענישן.

ווען מען איז אפט אין דער גאס און מען קוקט זיך צו צו פערשידענע פארפאלען און דער וואס קוקט זיך צו איז דערצו א יוד ווערט איהם שטארק קאלעמוטנע אויפ'ן הארצען.

איך וועל אייך דערצעהלען וועגען 2 פארפאלען פון איין און דעמזעלבען אינהאלט, אבער ווי פערשידען זענען זייערע אויספיהרונגען.

פאהרט אנ'אויטא אין גאס און איבערפאהרט א מענש, ווענדעט זיך ווער עס איז דער אייגענטימער פון אויטא און ווער עס איז דער איבערגעפאהרענער. טרעפט אז דער אויטא אייגענטימער איז א יוד און דער איבערגעפאהרענער נישט קיין יוד, וואקסען אויס פון אונטער דער ערד ערות, וואס זיי אלע האבען „געזעהען" אז דער שאפער האט נישט סיגנאליזירט, אז ער איז עקסטרא איבערגעפאהרען. ווען דער אייגענטימער איז נישט קיין יוד און דער איבערגעפאהרענער איז צופעליג א יוד, האבען די זעלבע ערות „געזעהען" אז דער שאפער האט יא סיגנאליזירט און דער יוד האט נישט געוואלט אהערקוקען, נאר ער האט זיך ממש אליין געווארפען אונטער'ן אויטא.

ווען יודען מישען זיך אריין און הויבען אויף א ליארם ווערט צווישען די קריסטען און יודען א מחלוקה און דערווייל הייסט מען דעם שאפער מאכען ויברח און צו דער אנקומענדער פאליציי (וואס פערשפעטיגט זיך אין אזא פאל) דערצעהלט מען, אז דער יוד איז נאר שולדיג.

בין איך אזוי געשטאנען יענע וואך אין גאס און צוגעקוקט ווי א אויטא איבערגעפאהרט א יודישע פרוי און ווען יודען האבען געוואלט איינהאלטען דעם שאפער אז מען זאל איהם צוציהען צו פעראנטווארטליכקייט, האבען זיך קריסטען אנגענומען און אויסגעשריען, אז לויט זייער מיינונג זענען נאר די יודען שולדיג וואס זיי לויפען אונטער די רעדער פון די אויטא'ס...

אויך האט זיך געהערט דאס ווארט פאלעסטינא, נעמט קיין פאלעסטינא, מען שלאגט אייך אין פאלעסטינא א. א. וו.

די קלעפ פון פאלעסטינא פאלען אויף אונזערע קעפ.

א פאר ערנסטע ווערטער אויפ'ן אדרעס פון דער חברה-קדישא.

פערפאלען, איך מוז אייך אויפמערקזאם מאכען אויף עטליכע אונארדנונגען, וואס קומען פאר אויפ'ן בית-עולם און וועלכע טארען בשום אופן נישט טאלערירט ווערען.

א היגער אנגעזעהענער בעל-הבית וועלכען מען קען גלויבען דערצעהלט מיר, אז בעת ער האט בעזוכט דעם קבר פון זיין ערשט נישט-לאנג פערשטארבענע מאמע, האט ער געטראפען א האלב קבר פערטוויערט פון א שכנות'דיגער מצבה און דאס ווייטער פון קבר איז בענוצט געווארען ארומצוטוויערען אנדערע מצבות. אזוי אז דאס קבר איז אויסגעגליכען מיט דער ערד און עס וועט נישט לאנג דויערען און מען וועט גארנישט דערקענען, אז ס'איז איבערהויפט פערהאנען געווען א קבר.

ווען דער זעלבער בעל-הבית האט דאס דערצעהלט די אנפיהרער פון דער חברה-קדישא, האבען זיי עס אבגעלייקנט מיט דער האנד, אבער ווען ער האט זיי עס פערזענליך געוויזען האבען זיי זיך פערטיידיגט, אז זיי זענען נישט שולדיג, נאר — דער סטרוזש.

פרעגט דער חשוב'ער בעל-הבית א ריכטיגע קשיא, צו איז די אויפגאבע פון דער חברה-קדישא בלויז זיך צו פערהאנדלען אין א חברה ש"ס, ד"ה אז ער האט גארנישט חס ושלום דאגעגען, וואס די חברה - קדישא זיצט יעדען פערנאכט און לערנט, אדרבה, מה טוב ומה נעים, אבער אויב זי איז א חבריה-קדושה, פערוואס זאלען זיי אויסער דעם וואס זיי לערנען יעדען טאג בצניעות אויך נישט אכטונג געבען אז עס זאל נישט פארקומען קיין בזיון המת.

ביי דער דאזיגער געלעגענהייט מוז מען אויפמערקזאם מאכען די חברה קדישא, אז אויפ'ן בית-עולם קומט איבערהויפט פאר א הפקרות אויפ'ן גאנצען פראנט, אויסער דעם, וואס דער בית-החיים זעהט אויס ווי א מדבר שממה, נישט קיין בוימער, נישט קיין ארדנונג, אזוי ווי עס איז געווען פריהער מיט גאסען, שורות או"ח האבען זיך א חברה שנארערס געמאכט א מאויל געשעפט טיל.

עס איז היינט ראש חודש אלול, ווייזען זיי דרייפען מיט די פענח-לשונ'ס האבען זיי פערמאכט דאס גרויסע טויער און געלאזט אפען בלויז א שמאל טירעל, אזוי אז יעדער בעזוכער מוז ארומקריכען דן גאנצע מויער, דורך די זאמדען און שטרויכען נאר דורך דעם טירעל, וואו זיי בעפאלען איהם ווי פליגען א שטיקל צוקער און קריכען ממש אין די אויגען אריין.

פערגעסט ניט זיך, אז מ'קען נישט העלפען איז קיין תירוץ נישט. עס קען נישט זיין הפקר, אויב איהר וועט נישט איינפיהרען א ריכטיגע ארדנונג מיט א געהעריגע בעל - הבית'ישקייט, דאן וועט איהר מיט אייער ארענטליכקייט און מיט אייער לערנען ש"ס נישט זיין אין ארדנונג.

עס די עטליכע ערנסטע ווערטער האב איך געמוזט זאגען אויף אייער אדרעס.

לויתו.

ווי אזוי האט זיך פארטיידיגט דער נייער ישוב.

(סוף.)

קיין פראטעקציע פון די אראבער? מעהר ווי 30 מיגוס! האבען די פער-טיידיגער נישט דערלאזט די גאנצע אנ-געקומענע רעדינעהנטערען זיך צום הויז.

און פונקט זענען דאס דאך ענג-לישע סאלדאטען! אײנער פון די פער-טיידיגער, דער חבר גיטשעל, האט אײנגעשטעלט דאס לעבען און איז ארויס מיט'ן אײנגעשטעלטען ביקס אקע-גען און ער האט ארײנגעפיהרט אין הויז ארײן צוויי ענגלישע סאלדאטען און צוויי אראבישע פאליציאנטען מיט אן'אראבישען אפיציר. די ענגלענדער האבען בעהויגערט די הײפל פער-טיידיגער, זיי געדריקט די הענד און זיי געמוטיגט. די אנפאלער חורער הא-בען אויסגענוצט די מינוטען פון שטיל-שטאנד און אנגעהויבען רויבען אין הויף. פלוצלונג האט ערקלערט דער אראבישער אפיציר, אז ער מיט די ענגלענדער דארפען זיך אומקעה'ען צוריק.

היתכן? אזוי מהומ פאליציי? און דאס זאגען די ענגלישע סאלדאטען? נישט געקוקט אויף דער אײנגעשפארט-קייט פון אפיציר, האבען די ענגלישע סאלדאטען אײנגעשטימט צו פערבלייבען העלפען די פערטיידיגער, אויך די אראבישע פאליציאנטען מיט'ן אפי-ציר זענען פערבליבען.

אונטער די הילדע געשרייען פון די אראבער און פאר'ן שיין פון די פלא-מען פון אונטערגעצונדענעם שייער איז אײנגעדרוקט געווארען א שטילע הזכרה נאכ'ן געפאלענעם קאמענדאנט אפרים צ'יז'ק. אויפהויבענדיג די הענד האבען די פערטיידיגער געשוואוירען צו פער-טיידיגען חולדה. אויך די ענגלישע סאלדאטען האבען אויפגעהויבען די הענד און אײנער האט זיך צוווײנט.

דערהעפ איז בענײט געווארען דער אנגריף, דער אראבישער אפיציר האט זיך געווענדעט צו די אנפאלער, זיי גערופען צו רחמנות האבען אויף זיי-ערע קרבנות און זיי געזאגט אז חולדה ווערט בעשיצט דורך מיליטער, אבער די אראבער דורשטיג נאך בלוט, הא-בען פארגעזעצט זייער אנגריף. די צוויי ענגלישע סאלדאטען האבען געהאלפען אבשטויסען דעם אנגריף. די אראבישע פאליציאנטען האבען נישט בעקומען קיין געוועהר און זיי זענען געהיטען געווארען דורך די פערטיידיגער. 1 בײ-נאכט איז אנגעקומען אן ענגלישער גע-פאנצערטער אויטאמאביל. די ענגלענ-דער האבען געעפענט א פייער און די אראבער זענען אבגעטרעטען.

חולדה איז געראטעוועט! אומזיסט איז געווען די פרייד. די ענגלענדער האבען געבראכט א בעפעהל, אז די יודען זאלען פערלאזען די פאזיציע. עס האבען נישט געהאלפען קיין טענות, די ענגלענדער האבען געזאגט און גע-טריבען, זיי האבען זיך געשראקען פאר א נייעם אנגריף.

אײנגעהילט אין א חושך ליילעך האבען די פערטיידיגער געוואלט מיט-נעמען דעם טויטען קערפער פון זיי-ער קאמענדאנט, אבער דער ענגלישער אפיציר האט ערקלערט: „לויט'ן בע-פעהל דארף איך נעמען לעבעדיגע און נישט טויטע".

„העלפען מיר איהם טראגען אויף די הענד", האבען זיך די פערטיידיגער געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען, אבער גאר רעד צו אן ענגלישען אפי-ציר. די ביקסען זענען אײנגעשטעלט און דער אכזריות'דיגער בעפעהל מוז דורכגעפיהרט ווערען. דער טויטער קאמענדאנט איז פערבליבען אין חולדה.

פארוואס זענען די אינקאסע און פראטעסט קאסטען דורך דער פאסט טייערער ווי פריוואט?

זינט א לאנגע צייט, כמעט זינט דער בעגריאונג פון אונזער מלוכה, ווען אין פוילען, ווען עס איז אויך רעארגאניזירט געווארען די פאסט, וועל-כע איז באמת געווארען אװעקגעשטעלט אין איין רייהע מיט די גרעסטע אײ-ראפעאישע פאסט-אמטען, זינט דא-מאלס איז אויך אײנגעפיהרט געווארען אז די פאסט נעמט אן וועקסלען צו אינקאסא.

דאס איז באמת א בעקוועמע זאך פאר'ן סוחר'טום און אפילו פאר פרי-וואט-מענשען, וויסענדיג אז די אינקא-סע גיבען זיי איבער אין א זיכערער האנד, אין א מלוכה - אנשטאלט, און מען מוז אויך צוגעבען, אז די אינקא-סעס דורך דער פאסט פליסען אפ זעהר פונקטליך, און דער צייט, וואס אין די פריוואט - בענק וואגער אין די גרעסטע דויערט א לענגערע צייט ביז דער אינהאבער בעקומט די אײנקאסיר-טע סומע, בעקומט ער עס דורך דער פאסט אין צוויי-דריי טעג.

איז אבער די פראגע פארוואס זא-לען די אינקאסא-קאסטען דורך דער פאסט זיין פיעל גרעסער ווי אין די פריוואטע בענק. געלד ביים שיקען דעם וועקסעל דורך א „ולעצעניא-וע" בריעף קאסט 1.05 און דאן נעמט נאך דער פאסט-אמט טאב אינקאסע-שפעזען, און שפעטער דעם פאסט-בע-אמטער וואס ברענגט שהיים דאס געלד, אזוי ארום מאכען אויס די אינקאסע-שפעזען דורך דער פאסט דאפעלט ווי אין א פריוואטער באנק.

דאס זעלבע איז אויך מיט פראטעסט-קאסטען.

צוליעב דער אינטערווענץ פון די סוחרים האט פלעגען שיקען אינקאסעס דורך דער פאסט און די פאסט האט נישט געקענט צונעמען קיין וועקסלען נאר אויף אנ'ארט, וואו ס'איז געווען א רעיענט, איז אויסגעקומען, אז אויפ'ן ארט וואו קיין רעיענט איז נישטא האט מען דורך דער פאסט קיין אינקאסע נישט גע-קענט שיקען. א דאנק דער דאזיגער אינטערווענץ איז טרויט א פערארדנונג אז די פאסט-אמטען האבען דאס רעכט אלײן צו פראטעסטירען די וועקסלען נישט ווארטענדיג ערשט אנקומען צו די רעיענטען.

אזוי ארום איז אויסגעקומען אז מען האט געקענט דורך דער פאסט שיקען צו אינקאסא וועקסלען ווגאר אין די פערוואָרפענסטע שטעדטלעך און דער-פער וואו ס'איז נאר פערהאנען א פאסט, און דער פאסט-בעאמטער מאכט א פראטעסט אויב דער אויסשטעלער העט נישט צאהלען.

דאס איז זעהר א בעקוועמע זאך פאר'ן סוחר'טום, אבער הידער דאס זעלבע, די פראטעסט - קאסטען דורך דער פאסט זענען פיעל טייערער ווי דורך די פריוואטע רעיענטען און דאס איז דאך געוויס נישט ריכטיג, א רע-גירונגס - אנשטאלט, וועלכער עפענט אײן א געוויסע בעקוועמליכקייט פאר די בירגער, דארף אפט, דארף אויך פערדינען, אבער בשום אופן דארף דאך דער פאסט - בעאמטער פאר'ן אויפלעגען דעם שטעמפעל און אנ-שרייבען עטליכע ווערטער נישט נעמען מעהר ווי דער רעיענט האט האלב. אויס צו דעם א ספעציעלע ביורא און ס'איז קיין מען וואנען זיין פרנסה אײנ-גערצייט ווען ביי דער פאסט איז עס בלויז א זייטיגע זאך, די מאסגעבענדע קרייזען דארפען זיך אומבעדינגט רעכ-נען מיט פעראינטערעסירען.

אנ'אפענער בריוו צו דער היגער חברה-קדישא.

איך געפין פאר נויטיג זיך צו ווענ-דען מיט מיין בריוו צו דער חברה קדישא דורך דער פרעסע, כדי די הי-גע עפענטליכע מיינונג זאל וויסען וואספאר ש'עקליכע אונארדנונג און הפקרות עס הערשט אויפ'ן היגען בית החיים, וואס שטעהט אונטער דער אויפזיכט פון דער קהלה און דער די-רעקטער השגחה פון דער חברה-קדישא וואו עס ווערען אבגעטהון מעשים וועל-כע טארען נישט פערשוויגען ווערען.

מען פאר 2 חדשים צוריק איז מיין שוועסטער ע"ה געבראכט געווארען צו קבורה אויפ'ן בית עלמין איז פאר איהר אויסגעוועהלט געווארען א קרקע צווי-שען צוויי אנדערע קברים און איצט, ווען מיין פאטער האט בעזוכט דאס קבר פון זיין יונג - פערשטארבענער טאכטער, האט ער צו זיין גרויסער ערשטוינונג — און אינטערעסליכען היתהטע געזעהען ווי בעת מען האט ארומגעמויערט די שכנות'דיגע קברים, איז דאס קבר פון מיין שוועסטער פערשמעלערט געווארען ביז א מיני-מום, אזוי אז ס'איז נישט איבערגע-בליבען קיין פלאץ אויפצושטעלען א געהעריגע מצבה. עס האט זיך קיינער נישט געקענט פערשטעלען, אז די ח"ק זאל זיך בעציהען אזוי הפקר'דיג צו איהרע פליכטען און עס זאל קענען צו דעם קומען.

עס איז אבער דאבי געשעהן נאך עפעס ערגערס.

ארוממויערענדיג אײנעם פון די ארו-מיגע קברים האט זיך חער עס איז דערלויבט ארויסצונעמען די ערד פון מיין שוועסטער'ס קבר (זאל עס האט זיך איהם נישט געגלוסט צו טראגען זאמד פון ווייטען) אויף אזוי פיעל אז דאס קבר איז נידעריגער געווארען פון דער נארמאלער ערד-פלעכע, עס האט מעהר נישט קיין צורת הקבר, און מאכט א שוידערליכען איינדרוק. מיר זענען פשוט ערשטערט און נידער-שלאגען פון אזא אונערהערטער בע-ציהונג און אומלביר צו די שוכני עפר.

די ארויסגערופענע חברה קדישא מיט-גלידער האבען מודה געווען, אז עס איז געשעהן א נישט-דערלאזבארע פרא-פאנאציע און זיי האבען פערארדנט אויף חנפּוזל ס'חעט זיך לאזען דאס קבר אין ארדנונג צו ברענגען.

מיר בעמיהען זיך אבער יעדענפאלס צו געפונען די געהעריגע סאנקציעס אויפ'ן נעקראפאליכען וועג, אבער זאל די היגע יודישע בעפעלקערונג וויסען וועלכע הפקר'דיגע און גרינג-שעצינגע בעציהונג די היגע ח"ק האט צו איהרע עלעמענטארסטע פליכטען.

א. וו.

עס פרעהט זיך די באבעשי, עס שמייכעלט דער זיידע'
דאס אייניקעל האט זיי איבערראשט אלע ביידע;
עס האט זיי געבראכט צו דעם ראש השנה
א פעקעלע „צערעס" - א ליעבע מתנה. —

דאס 100 % ריינע קאקאס-פעטס „צערעס" ווערט פון אנהויב ביזן סוף פאבריצירט אונטער דער שטרענגער השגחה פון בעקאנטען רב הגאון ר' שמחה פרענקעל פון סקאווינא און ענטשפרעכט אזוי ארום אלע כשרות-פאר-שריפטען, קאן אלזא בעסטענס עמפפיהלען ווערען אפילו פאר די מהדרין מן המהדרין.

פערלאנגט אויסדריקליך נאר „צערעס" מיטן הכשר-שטעמפעל און ווארפט אב אונבעקאנטע, מינדערווערטיגע פאבריקאטען.

דר. מעדיצין

ל. גוטמאן

איז צוריקגעקומען

ערשטע אלעע 8. טעל. 744

קרושעפיץ.

דאס פייער פון מחלוקה צווישען די היגע דאקטוירים מיט דער יודישער בע-פעלקערונג האט זיך נאך נישט אבגע-לאשען. בכמעט יעדע וואך ווערען גערופען אנדערע עדות צום אויספער-שונגס-ריכטער קיין טשענסטאכאוו און מיט וואס דאס וועט זיך ענדיגען, וועלען מיר אין די נאהנטסטע טעג גע-וואויר ווערען.

די היגע באנק ספולדזיעלטשי לעבט איבער א שווערען קריזיס, די סיבה איז, וואס די מיטגלידער האבען נישט די נויטיגע פערטרעטערים פאר אזא וויכטיגע אינסטיטוציע און דער איצ-טיגער קריטישער צייט.

אפשר וועלט מען דאך נאך געקאנט ראטעווען די זעהר וויכטיגע אינסטי-טוציע.

די גמילות חסדים קאסע פיהרט א אינטענסיווע טעטיגקייט, עס ווערט ארויסגעגעבען פאר די ארימסטע בעלי מלאכות געלד סומען פון 25 ביז 50 זל. וואס ווערט אבגעצאהלט צו 2 גיל-דען א וואך.

א.

די האנדווערקער-באנק

אלעע 12, טעלעפאן 812.

מאכט בעקאנט דאס אין דער באנק ווערען געמאכט אלערליי געלד אפע-ראציעס ווי: דיסקאנטא, וועקסלען און פראלאנגען אויף אינקאסא, עס ווערען אויך אנגענומען וועקלאדען און אבשפא-רונגען פון 50 גר. אן, די באנק איז אפען יעדען טאג פון 9 פריה ביז 2 מיטאג און פון 5 ביז 7 אווענד.

בעמערקונג: אלס מיטגלידער אין אונזער באנק ווערען אנגענומען אויך סוחרים און קליינהענדלער.

שבת איז די באנק געשלאסען.

די טעג ווערט געלייגט דער גרונדשטיין פון א געביידע פאר א יודישען בעקער-קאאפעראטיוו.

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט, איז אין טשענסטאכאוו געגרינדעט גע-ווארען א קאאפעראטיווע בעקעריי, וועלכע האט געקויפט א פלאץ אויף דער הערבי-גאס און שטעלט אויף א אייגענע אײנשטאקיגע געביידע, וואו עס וועט ווערען אײנגעפיהרט א מע-כאנישע בעקעריי.

צום געדאנק וועגען שאפען די קאא-פעראטיווע בעקעריי זענען די יודישע בעקער געקומען ווען עס איז ארויס די גזירות וועגען מעכאניזירען די בעקע-רייען און נאכדעם ווי די סאניטארע קאמיסיע האט צוליעב פערשיידענע סיבות ווי דאס, וואס די בעקעריען האבען זיך געפונען אין קעלערן, זיי פערמאכט, האט דער יודישער האנד-ווערקער-פערבאנד אנגענומען מיטלען צו קומען צו הילף די יודישע בעקער-אײגענטימער.

קודם כל, איז א דעלעגאציע אוועק-געפאהרען קיין קעלץ און ווארשא זיך משתדל זיין, אז מען זאל די פער-מאכטע בעקערייען עפענען, און דארט איז טאקי אויך געבוירען געווארען דער געדאנק וועגען שאפען א קאא-פעראטיווע בעקעריי.

לויט דער איניציאטיוו פון די ה"ה ראטס. גאלדבערג, מלך אײזענבערג און משה גאלדבערג, איז דער קאא-פעראטיוו געשאפען געווארען. לכתחילה האבען זיך בעטייליגט אין קאאפערא-טיוו 18 מיטגלידער נאר שפעטער הא-בען זיך 6 צוריקגעצויגען און 12 פון די ארימסטע יודישע בעקער האלטען זיך ווײטער ביים קאאפעראטיוו.

די טעג דארף געלייגט ווערען דער גרונדשטיין.

אין א געשפרעך מיט די איניציא-טארען האבען זיי מיר ערקלערט, אז די אלע 12 מיטגלידער זענען בע-גייסטערט פאר זייער אויפטוה, און זיי זענען זיכער אז נאר אויף קאאפעראטיווע יסודות וועלען זיי קענען זיך דערשלאגען צו א שטיקעל פרנסה און זיכערן זייער עקזיסטענץ, וואס איז לעצטענס זעהר בעדראהט געווארען.

קליינער פעליעטאן.

ווי אזוי בין איך משוגע געווארען.

איהר וואונדערט זיך מסתמא ווי אזוי א מענש ווערט משוגע אנהויב הערבסט, ווען דרויסען איז שוין קאלט. דאס וואונדערט מיך טאקי אויך, אבער עס איז א פאקט, דער חודש תמוז איז אדורך בשלום, זיינע היצען האבען מיר נישט געשאדט, נאר אין אלול איז דאס אומגליק געשעהן, אבער בזונטשעל, אײער סמאל, איז לא עליכם ארעב פון זינען.

איהר ווילט דאך נייגעריג צו וויסען ווי אזוי דאס אומגליק איז געשעהן, מא ווילט זיך אנדערער זיין מוחל, אויף א פאר מינוט און איך וועל אייך בקיצור דערצעהלען די גאנצע מעשה.

קודם כל מוז איך אייך זאגען, אז משוגע געווארען בין איך צוליעב דער טשענסטאכאווער שוהל, קוקט מיך נישט אן ווי א משוגענעם, אמת איז אז איך בין טאקי משוגע געווארען, אבער די מעשה ווי אזוי איך בין משוגע גע-ווארען דערצעהל איך דווקא זעהר קלאהר.

שוין דאס צווייטע יאהר ווי מען רעמאנטירט די שוהל, בעת מען איז צוגעטרעטען צו דער דאזיגער ארבייט זענען געווען געפאלריגע חלוקי דעות, דער הויפט פרעזעס האט געטענה'ט אז א שוהל איבערהויפט א שטאדט-שוהל, וואו עס דאווענען פרומע יו-דען פון א גאנץ יאהר, איז גענוג אז מען מוז זי מאלען, א צווייטער חבר האט פירער געטענה'ט, אז הענגען די רושטאוואניעס העט ער שוין ווערגען תארום ער איז א סומחה און האט שוין א הוקה צו אזעלכע אונטערנעמונגען איבערהויפט ווען עס האנדעלט זיך לטובת הכלל...

עס האבען אבער גובר געווען די, וועלכע האבען געהאלטען, אז טשענ-סטאכאוו טאג זיך פערגינען צו האבען א שוהל אזוי ווי אלע גרעסערע יודי-שע קהלות און זיי ווענען טאקי משוה געווארען מיט אונזער בצלאל בן אורי, האט העסט אין הענטוינגען דוד, ר' פרץ בן שמואל יעקב הולענבערג, און יע-נער, וועלכער האט ארויסגעקוקט אויף אזא געלעגענהייט מכמה שנים האט זיך אנגעכאפט ווי אין א גרויסע מציאה און אנגעהויבען צו בעווייזען זיינע קונצען.

לכתחילה האט ער עס געוואלט מא-כען אינגאנצען בחנם, פאר רעקלאמע האט עס געוואלט חמסען, נאר שפע-טער האט ער זיך מיישב געווען און האט מעהר, די קונסט האט זיך בע-וויזען אויפ'ן סופים פון דער שוהל עלף מעהר פוזמן האט דער קונסטלער געפאדערט, און שפעטער ערשט האט זיך שוין געמאגערט חנפּוזל געלד מען האט געגעבען, אזוי פוזל האט מען געפאר-בעט, א הונדערטער א שמוך מיט'ן פענזול, נאך א הונדערטער הונדער א שמור מיט'ן פענזול און אזוי ווי געלד געבען איבערהויפט פון דער היגער יודישער קהלה איז אנ'אפערלע זאך, האט דאס מאלען דעם פוסים נערוי-ערט אזוי לאנג—ביז מען האט געגע-בען געלד.

ענדליך איז דער פוסים פערטיג געווארען, מחמת מיר האלטען פאר די ימים נוראים און א חון א דרעהט זיך אונז ארום לעדרוג, אז עס איז א צער בעל-חיים, האבען זיך מענשען ערינ-גלענט און מען האט ענדליך די רוש-טאוואניעס צוגענומען, כאטש די גאנצע ארבייט איז נאכנישט פערטיג, ווארום די ארבייט וועט פערטיג ווערען דא-מאלס, ווען עס וועט זיין געלד, אבער די ימים-נוראים וועט מען דארט דא-ווענען.

אבער נישט דאס איז דער עוקר, אזוי ווי מען האט די רושטאוואניעס פונאנדערגענומען איז צו מיר געקומען צו לויפען בצלאל, כ'מיין דער פרעס. הולענבערג און מיך געשלעפט אין דער שוהל ארײן. קום, זאגט ער, וועל איך דיר ווייזען וואס איך האב אויפ-געטהון.

איך בין מעטק אין דער שוהל, איך קוק אויפ'ן סופים און זעה א געפויש פון פארבען און פערשידענע קאלירען, און איך בין זיך מודה אז איך האב געקוקט ווי א חון אין בני אדם, כ'האב נישט פערשטאנען קיין איין אות, נאר איין זאך האב איך יא געזעהען, באלד און ענתיוב וועלען אויפגעשריבען די נעמען פון די יענונג, וועלכע האבען מיטגעהאלפען פערער האבען זיך בע-מיהט, אז די שוהל זאל רעמאנטירט ווערען.

צווישען די דאזיגע נעמען געפונט זיך אויך דער נאמען פון הויפט-פרע-זעס, וועלכער האט געשריגען אז מען דארף די שוהל בלויז אויסוואַשען, און דעם נאמען פון דעם רושטאוואניע-אונטערנעהמער, וועלכער איז בזונז געווארען, און האט נישט די גאנצע צייט ארויסגעשמעקט אין דער שוהל ארײן. און האט אין דער גאנצער שטאדט אויסגעשריען אז עס איז א פערברעכען וואס מען רעמאנטירט די שוהל, פרעג איך היתכן? ווי אזוי קו-מען די נעמען דא אהער? אבער דער פראפעסאר לאזט מיך נישט פרעגען קיין קשיות און ער הויבט מיר אן געבען צו פערשטעהן דעם שכל פון די דאזיגע געמעלעכצער.

ער הויבט מיר אן ווייזען מיט'ן פינ-גער און דערצעהלט מיר וועגען אזעל-כע משונה מאדנע נעמען, ווי „פיטראא-זשען", „פלאסטיק", „ארנאמענטיק" הארמאניע פון קאלירען, דאן ווייזט ער מיר מוזיקאלישע אינסטרומענטען און ווי ער זאגט, זאל עס זיין אינ-סטרומענטען פון דוד המלך'ס צייטען, דאן זעהט מען די כותל המערבי, קבר רחל, די 12 שבטים, 12 מזלות, דאן בעווייזט זיך דער עץ הדעת מיט'ן עץ החיים, אויך זענען דארט אין די זייטען די חיות הקודש, עס זעהט מען ווי א הירש לויפט און אויפגעשריבען איז רץ כצבי, איך קוק און בעוואונדער און און מוח הויבט זיך מיר אן צו מישען, איך ווער נתפעל, וואס הייסט נתפעל? איך האב נישט דעם אויס-דרוק, עס איז פירקליך נישט צו פער-שטעהן ווי אזוי א פענזעל האט דאס געקענט אויסמאלען, אלעס איז אזוי ווי לעבעדיג, איך קוק און אין די אויגען ווערט מיר טונקעל פון דער גרויסער שפע פארבען, קאלירען, סטו-לען און — און פלוצים ווייזט ער מיר אן נאך אויף א געגענשטאנד, איך קוק און זעה א לעבעדיגען לייב, וועל-כער קוקט אויף מיר ווי ער וואלט מיך געוואלט אײנשלינגען. איך דערשרעק זיך גיב א געשריי, איך לויף ארויס פון דער שוהל מיט א געוואלד. ערשט אויפ'ן הויף דעריאגט מיך דער פרא-פעסאר און דערמונטערט מיך מיט אביסעל וואסער — מיין אויך מיט וואַ-סער.

און אזוי פלאנטערט זיך מיר דאס אלעס וואס כ'האב געזעהען אין שוהל, און אמפעהרסטען די נעמען פון אונ-זערע כלל טוער, וועלכע זענען אויס-געמאלט אויפ'ן סופים, עס האט זיך מיר געדאכט ווי זיי האלטען מיך אנ-געקוקט מיט בייזע אויגען און זיך גע-רייצט מיט מיר, ווייסט קיין כבוד דורף מען זיך נישט פערדינען, מען דארף נאר האבען מזל, מען דארף נאר וויסען ווי אזוי צו דרעהען דאס רעדעל.

יא, די דאזיגע נעמען מיט דעם גאנצען געמויש מיט די חיות, מיט די אלע געמעהלעכצער האבען זיך אנגע-ווענט אויף מיין שוואכען קאפ און איך בין — משוגע געווארען.

סמאל.

Centra
baterje

Kto „Centry" używa wyłącznie i wszędzie
Ten dzięki „Centrze" dużo zaoszczędzi

יודישע נטוזטרשאַפט פֿאַר לאַנדוויסנשאַפט.

שבת ד. 28 האַלב 3 נמ. קומט פֿאָר **אַנ'אויספֿלוג** אין דער **פּאַטיערניע** פֿיהרען וועלען די ה"ה האַראַחימש און פֿײַערטאג.

אַפּצאָהל 25 גר. צו דעקען די הוצאות. דער צוזאמענטרעף איז אין לאָקאַל פֿון האנדעלס אנגעשטעלטען פֿעראײַן, אלעע 20, 2-טער הויף, 2-טער שטאָק.

בעמערקונג! דער סעקרעטאַריאַט נעמט אָן טעג־ליך פֿון 9—8 אָוענד אײַנשרײַבונגען אויף פּאָטאָ־גראַפֿישע קורסען.

Starszy felezer K. KIJAK
POWRÓCIŁ
przyjmuje od 10—12 i od 3—5.
Krakowska 8 tel. 7-53.

Starszy felczer M. HARTMAN
Spadek 14, tel. 7-26.

אויפֿפֿאָדערונג.

די פּתפּכרים פֿון מנין קראָקאָווער נאָס 44 ווערען צום 4-טען מאָהל געפֿאָדערט צו קומען זונטאג ס' חאוינו 4 נאָכמיטאָג צו בד"צ דפּח ערלעדיגען דעם סכסוך, וואָס איך האָב מיט זיי. אין געגענפֿאל וועל איך ניט זיין פֿעראנטוואָרט־ליך פֿאַר די קאָנסעקווענצן וואָס קענען דערפֿון ארויסקומען.

מענדיל קאַלין.

UNIEWAŻNIAM

weksel z wystawienia Moszek Szprynger na zł. 50.— pł. 5 grudnia 1929 r. wydany M. Dorożyńskiemu.

M. Szprynger, Koszarowa 14

לשמוע אל הרנה ואל התפלה

די גבאים פֿון מנין בײַ ר' פֿײַבוש זצ"ל אלעע 16 מאַכט בעקאַנט, דאָס אויך הײַ־יאָהר וועט נעדאַוענט ווערען די ימים נוראים מיט די בעסטע בעלי תפלות. בילעטען צו בעקומען בײַ די ה"ה קאָטשײַנער אלעע 18, האָלענדער אלעע 5 און פֿון 7 ביז 8 אָווענד אין מנין אלעע 16.

פֿון בית להם.

דער אָנצאָפּנונגס - טאָג, וואָס איז אײַנגעאָרדנעט געוואָרען לטובת בית־להם, האָט געבראַכט הכנסה 600 זלאָטעס.

דער רעפֿעראַט פֿון ה' ליפּשיץ

פֿאָרינען שבת האָט אין אגודת הציונים געהאַלטען א רעפֿעראַט דער ה' מנחם לופּשיץ א. ר. ס. „די נײַע שהעגישען אין ארץ ישראל און די אקציע פֿון אקציאָנס־קאָמיטעס".

און רעפֿעראַט וואָס האָט געדויערט ביז 2 שעה האָט דער פּרעלעגענט גע־װיזען אז די אָנפֿאַלען מצד די אראַ־בער אויף דעם יודישען ישוב אין ארץ־ישראל זענען ניט קיין אונפֿאַר־געזעהענע ערשײַנונגען. חענען דעם האָבען פֿיל געמראכט די פֿערשירענע חובבי ציון און אויך הערצל.

די אָנפֿאַלען פֿאַר דער מלחמת העו־לם זענען ניט געקענט פֿאַרקומען מיט אזא פֿערנעם חי אוצט, ווײַל ארץ - ישראל איז דאמאלס ניט געװעזען אין דער פּאָליטישער הירקונגס־פּעדע פֿון אײַ־נע פֿון די צחישען זיך קעמפֿענדע אײַ־ראָפּעאישע מלוכות.

ער האָט אויך אָנגעחיזען אז אפילו אין די בעסטע צײַטען בשעת דער באלפֿור־דעקלאראַציע, האָט מצרים־עלענבי אויך געהאַנדעלט אַנדערש חי לאָנדאָן האָט געחאָלט.

דער פּרעלעגענט האָט אונטערגעבען די צוהערער פֿערשידענע פֿאַקטען און אויך אויפֿגעלעבט פֿערשונדענע זכרונות פֿון דער ועחר גאָהנטער פֿערגאַנגענ־הײַט און געקומען צום אויספֿיהר, אז דאָס יודישע פֿאָלק איז דאָ, נאָר די אונזעריגע פֿיהרער מוזען אַנטרעטען!

דער רעפֿעראַט האָט געמאַכט א שטאַרקען אײַנדרוק און איז בעשלאָ־סען געװאָרען מען שטורמישע אַפּלאָ־דיסמענטען.

פֿון דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע.

מאָרגען שבת כ"ג אלול 28|9 8 אָוונער נ"ס װעט אין פּעראײַנס - לאָ־קאַל פּילסודסקי 13 האַלטען א פֿאָר־טראָג (און יודיש) דר. ח. ז. חורש־בערג א. ד. ס. „משה מענדעלזאָהן און זײַן תקופה".

אַנ'אויספֿלוג אין דער „פּאַ־פּיערניע".

מאָרגען שבת האַלב 3 נאָכמיטאָג אָ־רגאַנט אײַן די יודישע געזעלשאַפֿט פֿאַר לאַנדוויסנשאַפֿט א אויספֿלוג אין דער הינער „פּאַפּיערניע".

סיזן אויספֿלוג וועלען אָנפֿיהרען די ה"ה האַראַחיץ און פֿײַערמאַן.

פֿון X|21—24 װעט פֿאַרקומען א 4 טאָגיגער אויספֿלוג קײַן קראָקאָ, ויעליטשקע און אויצאַח.

רינג־קײַם לטובת דעם ישוב פֿון ארץ־ישראל.

גינה קיטשינסקאַ נים 5 זל. און רופֿט ארויס: מאַרישא פֿערענס, פֿעלא ר בראַחינס, מאַניא זילבערבערג.

יורעק סאָנטאַג נים 5 זל. און רופֿט ארויס: רעמעק רעזענצווײַג, סע־מעק הירניק און ראפֿאל קיסעלהאָף.

גוטא סטאָפּניצקא נים 5 זל. און רופֿט א־ויס: אנדזיא מיסקע, פֿויבא געלערטינע, רװזקא גליקסמאן, נאַטעק קורלאנד, יוסף צימערמאַן.

פֿראַניא יעקובאָװיטש נים 5 זל. און רופֿט ארויס: מ־יא שלעזינגער, שמואל הערציקאָט, פֿויבא עסמאַן, אפֿרים ב־פֿמאַן, יאדזיא גוטערמאַן.

בערעק פֿלאַש נים 5 זל. און רופֿט ארויס: מאַניא זילבערבערג, אסתר דרעזשרזיק, ישעיהו ליפּשיץ, דוד לע־חיט, סטאַניסלאַוו חאַפּמאַן, קובא ושע־ריקער, יעקב קאָטשינסקי, נתן רעדאל.

אוטשא חײַנשטאַק נים 5 זל. און רופֿט ארויס: רוזשא הײַמאַן, פֿעלקא פּרעזערעחיטש, דאָרא דאַנצינגער, אהרן ליקסענבערג, ישעי, באָנהאַרט.

מאַטעק שפּיצבאַק נים 5 זל. און רופֿט א־ויס: ליפּקא לעװאָטיצקא, בער נארד פֿרנדריך, חעלא קויפֿמאַן, מאַניא זורקעװיטש, אַנקא גלעחיצקא.

שמעון אַש נים 5 זל. און רופֿט ארויס: גאָשא גערלינגער, קיבא צימער־מאַן, מאיר קראָװע.

אברהם גימפּעל נים 5 זל. און רופֿט ארויס: מ. פֿישהאָף, ה. פֿראַנק, ל. פֿראַדעלסקי, אברהם חעלפּקי, משה עפּשטײַן, ישראל ליבערמאַן, אליעזר פֿינקעל.

קאַרעלע נאָלדמאַן נים 5 זל. און רופֿט ארויס: גראַניא פֿרידריך, לואיזא קאַפּינסקא, שימעק פּשערבערסקי, פּוי־בא גאָלדמאַנץ, אַננא לובאַרס.

י. פֿרײַערמוייער נים 5 זל. און רופֿט ארויס: איזידאָר נאָחאַק, הל. מאַרקאָזיטש, ד. ביבער, י. שימאַנער ה. פֿײַערמאַג.

נאָטקא לעװאָטיצקי נים 5 זל. און רופֿט ארויס: בלימקא גרונדמאַן, מאַריץ נאָדזאַק, סאלא גאָלדמאַן, אסתר האָפּ־מקא, שמואל סיפּקי, דאניעל חעל־קעחיטש.

„פֿון פּועלי אגודת ישראל".

מוצש"ק 8 אָווענד קומט פֿאָר א חברים־פֿערזאַמלונג, אויף וועלכער עס וועלען רעפֿערירען די ח"ח לאַנדסמאַן און יוסמאַן א. ד. ט. דער יעצטיגער מצב אין דער פּאַרטײַ.

דער סעקרעטאַריאַט איז עפֿן יע־דען דונסטאג און דאָנערשטאג פֿון 8 ביז 10 אָווענד.

די ביבליאָטעק א. נ. „חורב" איז שוין עפֿן. עס זענען פֿערהאַן א גרע־סערע צאָהל חיסענשאַפֿטליכע ביכער אײַנשרײַבען קען מען זיך יעדען טאָג פֿון 8—10 אָווענד.

דער לעזע־זאל איז פֿערזעהן מיט די גאַנצע טעגליכע און וועכענטליכע פּרעסע, עפֿענט טעגליך פֿון 8—10 אָװ.

נדבות אין רעדאַקציע.

פֿאַר'ן ישוב אין א"י:

די גבאים זעליג קרוזעפֿיצקי, יוסף ראָזענ־פֿעלד און מענדיל װינאַס פֿון דער חברה „גומל חסד" האָבען אַרײַנגעטראָגען 31 זל. פֿון: דוד דאַווידאָװיטש און אברהם דאַווידאָװיטש צו 3 זל., מרדכי פּעפּלאַניעץ, אברהם גײַפֿעלד, אלתר נײַמאַרק, מענדיל מינקאָװסקי, חיים מינ־קאָװסקי, זעליג קרוזעפֿיצקי, יוסל ראָזענפֿעלד, יוסל זילבערבערג צו 2 זל., מענדיל ווינאַס, יעקל ווינאָװסקי, הירצע בערקאָװסקי, אליעזר אײַזנער, מענדיל קראָקױער, אליעזר קרוזעפֿיצקי, דוד דזיאַלאָשינסקי, שמואל פֿון ראַדאָמסק, אימשע פּעפּלאַניעץ צו 1 זל.

געזאַמעלט דורך ה' ב. גאָמולינסקי בײַ די יודישע מיטאַרבײַטער אין דער ליטאָגראַפֿיע פֿון קאָן און אָרערפֿעלד 33 זל.

חיים ראָזענבוים 50 זל., י. און ל. שלעזינ־גער 4 זל.

GENTLEMAN

צום ווינטער - סעזאָן 1929|30!

איז מײַן

פֿוטער־געשעפֿט, פּילסודסקי 5

פֿראָנט ערשטער שטאָק, טעל. 305

פֿערזעהען מיט א גרויסען אויסוואַהל פֿון אלעראַרט פֿוטער־סחורות און אײַנ־צעלנע פֿעל, בלאַטען, פֿערטיגע דאַמען און מענער - פּעלצען.

אין מײַן ערשטקלאַסיגער קירזשנער - ווערקשטאַט ווערען אויסגעפֿערטיגט אלערלײַ בעשטעלונגען אונטער מײַן פּערזענליכער אויפֿזיכט, לויט די נײַעסטע מאָדען.

מיכאל אײַדעלמאַן

פּילסודסקי 5, ערשטער שטאָק, פֿראָנט.

אכטונג דאַמען!

דער בעוואוסטער ווערקשטעל פֿון
דאַמען - בעקליידונג
י. לעווקאָוויטש, 2 אלעע 35

מאַכט בעקאַנט, אז מיר האָבען בעקומען די נײַעסטע מאָדערנסטע פּאַריזער און לאָנדאָנער מאָדעלען צום ווינטער סעזאָן פֿאַר מענשלען און פֿוטער פֿון ערשטקלאַסיגע פֿירמען.

די ארבײַט ווערט אויסגעפֿיהרט רעעל און פּונקטליך.

OGŁOSZENIE.

Magistrat wzywa wszystkich właścicieli domów przy ulicy Wieluńękiej i Rynku Wieluńskiego oraz sąsiednich, których mieszkańcy korzystają ze studzien na Rynku Wieluńskim i ulicy Wieluńskiej, do wykonania najniezbędniejszej instalacji wodociągowej w terminie do 1 grudnia b r. umożliwiając w tym czasie mieszkańcom korzystanie ze studzienki wodociągowej.

Po 1-szym grudnia będzie woda ze studzienki wydawana tylko za opłatą.

MAGISTRAT
Wodociągi i Kanalizacja m. Częstochowy.

טעאַטער
„אָדעאָן"
אלעע 27.

לעצטער סעאַנס 10 אָווענד.

פֿון שבת דעם 28 סעפּ־טעמבער און ווײַטער.

ערשטער גרויסער שטערישער פֿילם!

Zabawa w Miłość

פּיקאַנטע דראַמע אין 10 אקטען אויפֿ'ן יסוד פֿון איבערלעבונגען פֿון פּאַריזער היגראַפֿ־קאָסדראַס. — אין די הויפּט־ראָלען 2 שווערישע שטערנס

רוט ווײַער און מאַרגיט מאַנסטאַד.

איבער'ן פּראָגראַם:
Bohaterska Dorcia
קאָמעדיע אין 2 אקטען פֿון אמעריקאַנער לעבען.

טעאַטער
נאָוואָשצי
אלעע 12.

לעצטער סעאַנס 10.

ZAGŁADA ROSJI

הײַנט פֿרײַטאָג און מאָרגען שבת צום לעצטען מאָל

דאָס וואָס איז בײַז־איצט געכניטש געווען, גרויסע ערעטישע דראַמע. א גע־טרײַער רעקומענט פֿון די לעצטע יאָהרען פֿון צאַריזם. אולטעוקײַטס־צענטעגע פֿון פֿערבלענדעטע רוסישע הויף־דאַמען, קנעכט פֿונ'ם ראַספּוטין'ס בענרעבער.

אין די הויפּט־ראָלען: מאַליקאָוו, דיאַנאַ קאַרענאַ, נאַ־טאַליאַ ליסענקאָ, אַלפֿרעד אַבעל, מיכאל ראַזומני

טעאַטער
„נאָוו"
אלעע 43.

לעצטער סעאַנס 10 אָוו.

FANFARY MIŁOSCI

ריהרענדע דראַמע פֿון 2 ליבענ־דע זיך ברידער און זייער ליבע צו א שעהנער פֿרוי.

הערליכע אויסשטאַטונג פֿון קעניגליכע פּאַלאַצען.—פּראַכטפֿולע קאָסטומען! ספּעקטאַקולעריגע! דער פֿילם איז דאָס, וואָס איז ביז איצט אויפֿ'ן עקראַן ניט געווען.

פֿון הײַנט פֿרײַטאַג און ווײַטערע טעג.

דער לאַנג ערוואַרטעטער הערליכער פֿילם! מעלאָדיגעקאָנסטערק

פֿון וועלט־רעזשיסער **ד. וו. גריפֿיט**

אין די הויפּט־ראָלען: **מערי פּילבין, ל. באַרימאָר**